TUBERCULOSIS
As a Disease of the Masses and How to Combat It

[illegible]

PRIZE ESSAY

DR. S. A. KNOPF

DR. L. W. ZWISOHN

ISBN:0-657-12595-4

01- 276

…טראַלפֿ

Nau… …ge

2347

S. A. KNOPF, M. D.

טובערקולאזע

(אויסצעהרונג־שווינדזוכט)

אַלס אַ קראַנקהייט צווישען דאָס פאָלק און וויא עס צו בעקעמפפען.

מאָטטא:

אום ערפאָלגרייך צו בעקעממפפען דיא טובער־
קולאָזע איז נויטוועגדיג דיא טהעטיגקייט פון אַ
פערנינפטיגע רעגיערונג, גוט אונטעררינכטעטע
ערצטע און איין אינטעליגענטעס פאָלק.

פרעמיום - ווערק,

איבערזעצט און אַרויסגעגעבען אין אידיש פון

דר. ל. וו. צבי'זאָהן.

L. W. ZWISOHN, M. D.

איין פאָפולערעס וויססענשאַפטליכעס ווערק, וועלכע האָט בעקומען דעם פרייז אויף
דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין בערלין, און ארויסגעגעבען פיר דעם
צוועק אויפצוקלעהרען דאָס פאָלק וויא צו בעקעמפפען דיא
קראַנקהייט שווינדזוכט, (אויסצעהרונג. קאָנסומפשאָן).

דרוק פון אליקום צונזער, 156 איסט בראָדוויא. ניו יאָרק.

1902.

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12595

TUBERKULOZE

Sigard Adolphus Knopf

Permanent preservation of this book was made possible by Dorothy Welan
In memory of my parents - Sarah and Morris Pollack - passing the torch of Yiddish to posterity.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/tuberkuloze00knop

אינהאַלטס = פערצייכניס.

קאַפּיטעל		זייטע
	איינלייטונג	11
1	וואָס איז שווינדזוכט ?	16
2	וויא אַזוי קען דיא באַצילע פון שווינדזוכט אַריין אין דעם מענשליכען קערפּער ?	17
3	וויא אזוי ווערט דיא באַצילע אַריינגעאָטעמט אין קערפּער ?	״
4	וואָס קען מען טהון אום אָבצוהאַלטען דיא פערשפּרייטונג פון שווינדזוכט (דורך דעם וואָס דיא ליידענדע שפּייען) ?	18
5	וואָס קענען מיר טהון, אום זיך צו פערהיטען פון דיא טראָפּען שפּייעכץ, וועלכע אַ שווינדזוכטיגער שפּריצט אַרויס, ווען ער הוסט, ווען ער רעדט הייך, אָדער ווען ער ניסט ?	25
6	וויא אַזוי קען אַ מענש איבערגעבען שווינדזוכט צו אַ טהיער ?	27
7	וויא אַזוי קענען מיר פערהיטען אונזערע שפּייז פון טובערקולאָזע באַצילען ?	28
8	אויף וואָס פיר איין אַנדער אַרט קענען דיא באַצילען און מיקראָבען פון שווינדזוכט אריין אין קערפּער ?	29
9	אויף וואָס פיר איין אַרט קומט פאָר דיא איינאימפּפונג (אינאָקולייישאָן) פון טובערקולאָזען ?	30
10	וועלכע אַנדערע פאָרמען פון טובערקולאָזיס עקזיסטירען, און וואָס איז זייערע סימפּטאָמען ?	32
11	וואָס פערהיט דעם געזונדען מענשען פון אַנשטעקונג מיט טובערקולאָזיס ?	34
12	וויא אַזוי קען מען מיט ערפאָלג בייקומען אַ ערבליכע נייגענשאַפט צו שווינדזוכט ?	״
13	אויף וואָס פיר איין אַרט ווערט ענטוויקעלט טובערקולאָזיס, אויסער דורך ערבשאַפט ?	46
14	וויא קען מען אַם בעסטען בעזייטיגען דיא ענטוויקעלטע נייגונג צו שווינדזוכט, און וויא קען מען מאַכען געפאַהרלאָז דיא שעדליכע בעשעפטיגונג ?	״
15	מיט וואָס קענען רעכט־דיינקענדע אַרבייטס־געבער (אין שטעדט און דערפער) העלפען דיא בעקעמפּפונג פון שווינדזוכט ?	48
16	וואָס קען דער פאַרמער און פאַכט־מאַן טהון, צו פערקלענערן דיא צאַהל פון טובערקולאָזע קראַנקהייט צווישען טהיערע, און דאַמיט אינדירעקט פערהיטען דיא פערשפּרייטונג צווישען דער מענשהייט ?	50
17	מיט וואָס זאָלען זיך שווינדזוכטיגע ניט בעשעפטיגען, זאָגאַר דאַן ווען דיא קראַנקהייט פאַנגט ערשט אָן זיך צו ענטוויקלען ?	62
18	וואָס זיינען דיא הויפּט סימפּטאָמען אַם אָנפאַנג פון טובערקולאָזען אויף דיא לונגען אָדער שווינדזוכט ?	64
19	וואָס זיינען דיא ערשטע סימפּטאָמען פון אַנדערע פאָרמען פון טובערקולאָזיס ?	65
20	וויא אַזוי קען מען קינדער פערהיטען פון סקראָפּיל און אַנדערע פאָרמען פון טובערקולאָזיס ?	66
21	קען טובערקולאָזיס אָדער שווינדזוכט אויף דיא לונגען געהיילט ווערען ?	69
22	זיינען דיא פּאַציענטען וועלכע האָבען אַרויסגעטראָטען אַלס געזונדע פון דיא סאַנאַטאָריומס, געבליעבען געזונד אויף אַ לאַנגע צייט ?	70
23	וואָס זיינען דיא מאָדערנע מעטהאָדען צו בעהאַנדלען און היילען שווינדזוכט ?	73
24	וואָס איז אַ מאָדערנער סאַנאַטאָריום פיר שווינדזוכטיגע ? און קען אַזאַ סאַנאַטאָריום זיין אַ געפאַהר פיר דיא נאַכבאַרען ?	75
25	וואָס איז שטאַאַטס סאַנאַטאָריום ? און וואָס איז אַ פאָלקס הייל אַנשטאַלט ?	82
26	וועלכע בעווייזע עקסיסטירען. דאָס דורך בעהאַנדלען דיא שווינדזוכטיגע אין שפּעציעלע אַנשטאַלטען און דורך היגיעניש מיטלען, קען מען מיט ערפאָלג בעקעמפּפען טובערקולאָזיס אַלס אַ קראנקהייט צווישען דאָס פאַלק ?	84
27	קען דיא בעהאַנדלונג פון שווינדזוכטיגע זיין ערפאָלגרייך אויסערהאַלב דיא אַנשטאַלטען ?	85
28	וואָס קענען פילאַנטראָפּען און אַנדערע גוטע מענער און פרויען טהון, אום צו העלפען דיא בעקעמפּפונג פון טובערקולאָזיס אַלס אַ קראַנקהייט צווישען דאָס פאַלק ?	88
29	וויא אַזוי קען דיא טובערקולאָזיס פראַגע אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען געלייזט ווערען דורך גוטע געזעצע, און אַ פערבאַנד פון פאָלקס און פּריוואַט פילאַנטראָפּיע ?	94
	שלוסס	100

טובערקולאזע

(אויסצעהרונג—שווינדזוכט)

אַלס אַ קראַנקהייט צווישען דאָס פאָלק און וויא עס צו בעקעמפפען.

מאָטטאָ:

אום ערפאָלגרייך צו בעקעממפפען דיא טובער־קולאָזע איז נויטווענדיג דיא טהעטיגקייט פון אַ פערנינפטיגע רעגיערונג, גוט אונטעררינכטעטע ערצטע און איין אינטעליגענטעס פאָלק.

פרעמיום - ווערק,

איבערזעצט און אַרויסגעגעבען אין אידיש פון

דר. ל. וו. צבי׳זאָהן.

L. W. ZWISOHN, M. D.

איין פאָפולערעס וויססענשאַפטליכעס ווערק, וועלכע האָט בעקומען דעם פרייז אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין בערלין, און ארויסגעגעבען פיר דעם צוועק אויפצוקלעהרען דאָס פאָלק וויא צו בעקעמפפען דיא קראַנקהייט שווינדזוכט, (אויסצעהרונג, קאָנסומפשאָן).

דרוק פון אליקום צונזער, 156 איסט בראָדוויא, ניו יאָרק.

1902.

Copyright, 1901, at the Library of Congress, Washington, D. C.
by Dr. L. W. Zwisohn.

דיעזעס ווערק איז פערפאַסט אין דער דייטשער שפּראַכע פון דר. ס. א. קנאפּף, און אַרויסגעגעבען פון דייטשען קייזערליכען צענטראַל קאָמיטע אין בערלין, און איבערזעצט אין דיא פאָלגענדע שפּראַכען:

דיא אידישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. ל. וו. צביזאָהן, און געדרוקט ביי אליקום צונזער, 156 איסט בראָדוויא, ניו יאָרק.

דיא אַמעריקאַנער אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דעם פּערפאַסער, און אַרויסגעגעבען פון מ. פייערסטאַק. 110 וועסט 96טע סטריט, ניו יאָרק.

דיא בראַזיליאַנישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. קלעמענטאָ פעררייראַ, פון סאַינט פאַול, בראַזיליען.

דיא בולגאַרישע אויסגאַבע איז איבערזעצט און אַרויסגעגעבען פון פּראָפעסאָר א. בעזענ־סעק פון פהיליפּפּאָפּעל.

דיא האָללאַנדישע אויסגאַבע איז איבערזעצט דורך דזש. וו. פּ. דאָנאַטה, פון וואַגענאינגען, און אַרויסגעגעבען פון פּ. וואַן ראָססען, אין אַמסטערדאַם.

דיא ענגלישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. דזש. מ. באַדבאַור, פון דיא מענדיפּ הילס סאַנאַטאָריום, און אַרויסגעגעבען פון רעבמאַן לימיטעד, 129 שאַפטעסבורי עוועניו, לאָנדאָן.

דיא פראַנצויזישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. ג. סערסיראָן, און אַרויסגעגעבען פון סי. נאַוד, 3 רי ראַסין, פּאַריז.

דיא אונגאַרישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. ווילהעלם ראָטה־שולץ, פון בודאַפּעסט.

דיא איטאַליענישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון פּראָפעסאָר ראָבערט מאססאַלענגאָ, פון וועראָנאַ, און אַרויסגעגעבען פון פּ. וואַללאַרדי, 48 קורס מאַגענטאַ, מילאַן.

דיא אַנדערע איטאַליענישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר דזשיאָוואַנני גאַללי, און אַרויסגענעבען פון דער „סאָסיעטאַ עדיטריסע דאַנטע אַליגהיערי" אין ראָם.

דיא מעקסיקאַנער אויסגאַבע ווערט איבערזעצט פון דר. ד. ווערגאַראַ לאָפּע, פון נאַציאָנאַלער מעדיצינישער אינסטיטוט פון מעקסיקאָ.

דיא פּאָרטוגעזישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון פּראָפעסאָר ד. א. לאַנקאַסטרע, דער קעניגין'ס אַרצט, ליסאַבאָן.

דיא רומענישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. ג. ראַדאָוויטסי, בוקאַרעסט.

דיא רוסישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. פּ. מ. בלומענטהאַל, און אַרויסגעגעבען דורך דער אויפזיכט פון די פּיראָגאָף סאָסייטי פון רוסישע דאָקטוירים, מאָסקווא.

דיא שפּאַנישע אויסגאַבע איז איבערזעצט און אַרויסגעגעבען פון דר. ערנעסטאָ סאַנשעז אי ראָסאַל, פון בערלין, נ. וו., לונעבורגער שטראַסע 3.

דיא פּוילישע אויסגאַבע איז איבערזעצט פון דר. סטאַניסלאַוס לאַגאָווסקי און אַרויס־געגעבען פון ע. ווענדע און ט—קאַ, ווארשא.

This Prize-Essay has been written originally in the German language, by Dr. S. A. KNOPF, and published by the German Imperial Committee at Berlin, and translated into the following languages :

The Hebrew edition is translated by Dr. L. W. Zwisohn and printed by E. Zunser, 156 East Broadway, New York.

The American edition is translated by the author and published by M. Firestack, 110 West 96th Street, New York.

The Brazilian edition is translated by Dr. Clemento Ferriera of Saint Paul, Brazil.

The Bulgarian edition is translated and published by Professor A. Bezenseck of Phillippopel.

The Dutch edition is translated by Dr. J. W. F. Donath, of Wageningen, and published by F. Van Rossen at Amsterdam.

The English edition is translated by Dr. J. M. Barbour, of the Mendip Hills Sanatorium, and published by Rebman Limited, 129 Shaftesburry Avenue, London.

The French edition is translated by Dr. G. Sersiron and published by C. Naud, 3 rue Racine, Paris.

The Hungarian edition is translated by Dr. Wilhelm Roth-Schulz of Budapest.

The Italian edition is translated by Prof. Robert Massalengo, of Verona, and published by F. Vallardi, 48 Cours Magenta, Milan.

Another Italian edition is translated by Dr. Giovani Galli and published by Societa Editrice Dante Alighieri at Rome.

The Mexican edition is translated by Dr. D. Vergara Lope, of the Instituto Medico Nacional of Mexico.

The Polish edition is translated by Dr. Stanislaus Lagowski, and published by E. Wende i S—ka, Warsaw.

The Portugese edition is translated by Prof. D. A. de Lancastre, physician to her Majesty the Queen, Lisbon.

The Roumanian edition is translated by Dr. Jon G. Radovici, of Bucarest.

The Russian edition is translated by Dr. F. M. Blumenthal and published under the auspices of the Pirogoff Society of Russian Physicians, Moscou.

The Spanish edition is translated and published by Dr. Ernesto Sanchez y Rosal, of Berlin, N. W., Luneburger Str. 3.

פאָרוואָרט.

בײ דעם אינטערנאציאָנאַלען קאָנגרעס,—וועלכער האָט שטאַטגעפונדען אין בערלין דען 24—27 מאי 1899, פיר דעם צוועק צו שטודירען און אויסצוגעפינען די בעסטע מיטלען וויא צו בעקעמפפען דיא טובערקולאָזע (שווינדזוכט) אַלס אַ קראַנקהייט צווישען דאָס פאָלק,—האָבען צוויי בערלינער קויפלייטע אָפּעריערט 4000 מארק אַלס פרעמיום־פרייז פיר דיא בעסטע ווערק איבער „טובערקולאָזיס אַלס א קראַנקהייט צווישען דאָס פאָלק, אונד וויא עס צו בעקעמפפען.“

דער קאָנגרעסס האָט בעשטימט דיא פאָלגענדע פונקטען:

§ 1. דיא בעסטע פאָפּולערע ווערק איבער דיא טובערקולאָזע אַלס אַ פאָלקס־קראַנקהייט אונד וויא עס צו בעקעמפפען, וועלכע וועט ענטהאַלטען ניט מעהר אַלס 80 און ניט וויינינער אַלס 48 געדרוקטע זייטען, זאָל בעקומען דען פרייז פון 4000 מאַרק. אין פאַל דיא ריכטער ענטשיידען, דאָס צוויי גוטע ווערקע הערייננעקומען זינד, מוז דאָס פרעמיום־פרייז צווישען דיעזע זאָ פערטהיילט ווערען, דאָס דיא ערשטע בעסטע אַרבייט 3000 מאַרק און דיא צווייטע 1000 מאַרק בעקומען זאָל. ווען דיא ריכטער געפינען אויס דאָס צוויי ווערקע דען זעלבען ווערטה האָבען, דאַן בעקומט יעדער צו 2000 מאַרק.

§ 2. דיא פאָלגענדע האָבען איבערנומען דען אַמט אַלס פרייז־ריכטער: געהיימראַטה פראָפעססאָר דאָקטאָר ב. פריינקעל; געהיימראַטה פראָפעססאָר דאָקטאָר גערהאַרד; קאַפּיטאַן צור זעע, האַרמס; ווירקליכער געהיים אָבער־רעגימענטס־ראַטה־פּרעזידענט קאָהלער; גענעראַל אַרצט פראָפעססאָר דאָקטאָר פאָן לייטהאָלד, עקסעלענץ; געהיימראַטה פראָפעססאָר פאָן ליידען; פרייהערר דאָקטאָר לוציאוס פאָן באָללהאוזען, עקסעלענץ; געהיימראַטה דאָקטאָר נאַומאַן; אָבער־שטאַבס אַרצט דאָקטאָר פאַנוויץ; דאָקטאָר גראַף פאָן פּאָזאַדאָווסקי־וועהנער, עקסעלענץ; זיינע דורכלויכט דער הערצאָג פאָן ראַטיבאָר.

§ 3. יעדעס ווערק מוז ביז צום ערשטען דעצעמבער 1899 אן הערן געהיימ־ראטה דאָקטאָר ב. פריינקעל, נומער 4 בעלוויאו שטראַססע, בערלין, צוגעשיקט ווערען. יעדעס ווערק מוז האָבען א מאָטטאָ, וועלכע זאָל פון דעם פערפאַסער ערוועהלט ווערען. דער נאָמען און אדרעססע פון פער־פאַססער זאָל אין איין פערזיעגעלטען קאָנווערט, מיט דיא מאָטטאָ דארויף געשריעבען, צוגעשטעלט ווערען.

§ 4. דאָס וויזרק אָדער ווערקע (זעהע § 1) וועלכע דען פרעמיום־פרייז ערהאַלטען האָט, געהט איבער אַלס איינענטהום צו דעם דייטשען צענטראַל־קאָממיטטע צור ערריכטונג פאָן היילשטאַטען פיר לונגען־קראַנקע, וועלכע וועט בעזאָרגען דעם דרוק און בילליגסטע ארט פערטהיילונג.

§ 5. דיא בעשטימונג פון דיא ריכטער זאָל דורך דיא פרעסע בעקאַנט געמאַכט ווערדען.

דיעזע פונקטען זיינען צירקולירט געוואָרען אין מעדיצינישע און אַנדערע צייטונגען און דער רעזולטאַט וואר דאָס ביז דעם ערשטען דעצעמבער זיינען ערהאַלטען געוואָרען 81 ווערקע. דיעזע ווערקע זיינען פערטהיילט געוואָרען צווישען דיא ריכטער אום זיי זאָלען נאָכזעהן, וועלכע פון דיעזע פערדיענען מעהר גרינדליכערע נאָכפאָרשונג. דיא ריכטער האָבען דערפון רעקאָמענדירט 26 פיר דיעזען צוועק.

דיא פינף־און־פופציג צוריקגעוויעזענע ווערקע זיינען פון דעם אונטערציי־כענטען מיט זיינע געהילפע, דאָקטאָר עדמונד מייער, אַלעקסאַנדער, פינדער, קלאוס, און עלווערט נאָך איין מאָל דורכגעלעזען געוואָרען, אָבער קיינער פון דיעזע הערן האָט רעקאָמענדירט אירגענד וועלכע פון דיא ווערקע פיר ווייטערע בעטראַכטונג.

אויף א פערזאַמלונג וועלכע האָט שטאַטגעפונען דען 25טען פעברואַר, 1900, אונטער דען פאָרזיטץ פון זיינער דורכלויכט הערצאָג פאָן ראַטיבאָר, וואר בעשלאָססען דאָס דיא 26 ווערקע זאָלען נאָך איין מאָל גרינדליך געפריפט ווערען פון דיא דאָקטאָרען פריינקעל, גערהאַרדט, האַרמס, קעהלער פאָן לייט־האָלד, פאָן ליידען, פרייהער פאָן לוציאוס און פאַנוויץ, און דער רעזולטאַט וואר, דאָס דריי זיינען בעשטימט געוואָרען פיר דען אויסוואַהל.

ביי דען נעקסטע פערזאַמלונג פון דיא ריכטער, דען 15טען יוני, איז

בעשטימט געוואָרען צו פאָרמירען אַ סוב־קאָממיטטע בעשטעהענד פון דיא דאָקטאָרען פריינקעל, גערהארדט, הארמס, קעהלער, און פאַנוויץ, וועלכע זאָלען דען רעזולטאַט בעשליסען. נאכדעם דיא קאָממיטטע האָט זיך זאָרג־פעלטיג בעראַטהען, איז זיא געקומען צו דעם בעשלוס, דאָס דיא ווערק וועלכע טראָגט דיא מאָטטאָ:

„אום ערפאָלגרייך צו בעקעמפפען שווינדזוכט, איז נעטהיג איין פערנינפטיגע רעגיערונג, גוט אונטעררייכטעטע ערצטע, אונד איין אינטעלליגענטעס פאָלק“

איבערשטייגט זאָפיעל דיא אַנדערע ווערק און איז זאָ פראַכטפאָל, דאָס זיא זאָל ערהאַלטען דען פרעמיום פרייז פון קאָנגרעס. דאַן איז בעקאַנט געוואָרען, דאָס דאָקטאָר ס. א. קנאָפף פון ניו יאָרק איז דער פערפאַסער פון דיעזע ווערק.

אייניגע ענדערונגען פון דיא ריכטער וואַרען אָנגענומען פון דעם דאָקטאָר קנאָפף און אַריינגעזעצט אין דיעזע ווערק.

ביי אַ נאַכפאָלגענדען פערזאמלונג פון דעם דייטשען צענטראַל קאָמיטע וואַר בעשלאָסען אַרויסצוגעבען דיעזע ווערק און צו זאָרגען פיר דיא גרעסטע פערברייטונג.

פראָפעססאָר בּ. פריינקעל.

בּערלין, 1טען אָקטאָבּער, 1900.

פאָררעדע צו דיא ענגלישע איבערזעצונג.

פאָרלייגענדיג פיר דיא ענגליש - שפּרעכענדע וועלט און איבערהויפּט פיר דיא בעפעלקערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאַטען, דיא איבערזעצונג פון דיעזע ווערק, וועלכע איז אָריגינעל פערפאַסט אין דייטשער שפּראַכע, וויל דער פערפאַסער בעהויפּטען, דאָס נעבענדיג זיך דיא מיהע צו איבערזעצען דיא ווערק אַזוי פּינקטליך וויא מעגליך, האָט ער דאָך געפונען פיר נעטהיג צו ענדערן מאַנכע זעטצע, צוגעבען און אויסלאָזען. דיא אורזאַכע דערפון קען יעדער זעהן, ווער עס האָט נור געשטודירט דיא פראַגע איבער טובערקולאָזעס אָדער שווינד־זוכט, ניט נור אין מעדיצין זאָנדערן אויך אין סאָציאַלען זינן. מען מוז אין אַנבעטראַכט נעהמען, דאָס יעדע נאַציאָן האָט אַנדערע זיטען, דאַרום מוז מען ענדערן מאַנכעס אין איבעזעטצונגען. דער פערפאַסער האָט אויך געמוזט צו־שטימען צו פערשיעדענע ענדערונגען אין דיא אָריגינעלע דייטשע ווערטער צוליעב דיא קאָנדיציאָנען פון דיא שווינדזוכט־ליידענדע אין דייטשלאַנד. דיעזע ענדערונגען האָבען פאָרגעלייגט דיא ריכטער וועלכע האָבען בעשטימט דעם פּרעמיום־פּרייז. דיעזע ריכטער האָבען זאָגאַר ניט ערוואַרטעט פון דיא פּער־פאַסער וועלכע האָבען צוגעשטעלט דיא ווערקע, דאָס זיי זאָלען זיין בעקאַנט מיט סאַניטאַרע געזעטצע און אָרדענונגען וועלכע זיינען יעצט איינגעפיהרט אין דייטשלאַנד, אָדער מיט דיא לאָקאַלע פיהרונגען פערשיעדענע טהיילען פון דער וועלט.

דיא סאָציאַלע אומשטענדע אין דייטשלאַנד זיינען גאַנץ פערשיעדען פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען, און דאַרום האָט זיך דער פּערפאַסער געפיהלט פערפפליכטעט צו שפּרעכען אין דיא אַמעריקאַנער אויסגאַבע וועגען דיא מעהר וויכטיגע פּונקטען וואו עס האַנדעלט זיך דירעקט איבער דיא פראַגע פון שווינד־זוכט אַלס א „סאָציאַלע קראַנקהייט" אין אַמעריקא. דיא שלעכטע פאָלגען פון אַלקאָהאָליזם, פון איבערפילטע טענעמענט הייזער און דיא אונסאַניטאַרע וואָהנונגען פון דיא אַרמע אין אַלגעמיין, אויך פאָלגען פון צופיעל געשלעכטס־פערקעהר, דער ערנעהרונגס־מאַנגעל צווישען דיא אַרבייטער קלאַסען, זיינען אין דיעזע איבערזעצונג בעהאַנדעלט אַזוי פאָלקאָם וויא נור מעגליך.

אַלס אַביישפּיעל וויא נייטהיג עס איז געווען צו מאכען ענדערונגען אין דיא אמעריקאַנער אויסגאַבע, וועל איך אָנצייגען פאָלגענדעס: אין דייטשלאַנד מוז יעדער ארבייטענדער מאַנן אָדער פרוי זיין פערזיכערט געגען דיא עלטערע יאָהרען, געגען עקסידענט, געגען קראַנקהייט, דארונטער אויך שווינדזוכט, און דער אַרבייט־געבער איז פעראַנטוואָרטליך פיר דען נאַכקאָממען פון דיעזען געזעטץ. קיין עהנליכע געזעטץ עקזיסטירט אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען; זאָגאַר דיא פּריוואַט קאָמפּאַניעס ווילען ניט פערזיכערען אַ שווינדזוכט ליידענדען. אַלס נאָך אַ ביישפּיעל צווישען דעם גרויסען אונטערשיעד פון היער ביז דייטשלאַנד אין דעם בעצוג פון דיא פראַגע וועלכע מיר פערהאַנדלען דאָ, מוזען מיר נעהמען אין אַנבעטראַכט, דאָס יעדע איינע פון דיא זיעבען־און־פיערציג סטייטס פון דער יוניאָן האָט בעזונדערע כאַניטאַרע געזעצע און אָרדענונגען. זיי זיינען פערשיעדען אין בעצוג פון פאָלקאָמענהייט וויא צו בעזייטיגען שווינדזוכט ביי מענשען אָדער ביי טהיערע. אין דייטשלאַנד איז אַ איינ־ארטיגע געזעטץ פיר אַלע שטאַאַטען און פּראָווינצען; דאָרטען איז דאָ אַ מיניס־טעריום פיר „מעדיצינישע אַנגעלעגענהייטען,“ וואו דער הויפּט־בעאַמטער שטעהט אין פערבינדונג מיט דיא גרעסטע מעדיצינישע אויטאָריטעטען פון דיא „רייכס־געזונדהייטסאַמט.“ איך האָפּפע דאָס אונזער בעליעבטעס לאַנד וועט אויך איין גיכען איינפיהרען אַזעלכע אינסטיטוציאָנען; ווען אַללע שטאַאַט, קאַונטי און שטעטישע באָארד אָף העלטה וועלען זיך האָבען צו ווענדען פיר אינסטרוקציאָנען אין וואשינגטאָן, צו דעם קינפטיגען סעקרעטער פיר פּאָבליק־געזונדהייט, מעדיצינישע און סאַניטאַרע אַנגעלעגענהייטען. פּאָרלויפּיג לאָמיר אַרבייטען אַזוי גוט וויא מיר קענען. זאָל יעדע סטייט, קאַונטי און כיטי באָארד אָף העלטה טהון איהר בעסט פיר דאָס גוטעס פון דאָס פאָלק און זאָל דאָס פּובליקום אין אַלגעמיין אונז רייכען דיא האַנד פון הילפע צו בעקעמפּפען אונזער אַלגעמיינעם פיינד „דיא גרויסע ווייסע מגפה.“

יאַנואַר, 1901.

דאָקטאָר ס. א. קנאָפּף,
16 וועסט 95טע סטריט, ניו יאָרק.

Dr. S. A. KNOPF,
16 W. 95th St., N. Y.

פאָררעדע צו דיא אידישע איבערזעצונג.

איניגע ווערטער צו דיא לעזער:

פאָרלייגענדיג פאר דיא אידישע בעפעלקערונג דיא איבערזעטצונג פון דיא פרעמיום - ווערק, וויל איך בעמערקען דאָס לעזענדיג דיא פאָררעדע פון פראָפעסאָר פריינקעל, פון בערלין, צו דיא דייטשע אויסגאַבע, זעהט מען דייטליך, דאָס דיעזע ווערק ברויכט ניט מען זאָל איהר לויבען.

עס איז אויך ניט נויטיג פיר מיר צו בעמערקען, דאָס דער צוועק פון דיא איבערזעטצונג איז ניט אום צו צייגען דיא פעהיגקייטען פון איבערזעטצער, ווייל עס איז ניט פיר א דאָקטאָר צו בעשעפטיגען זיך מיט איבערזעטצונגען. אויך איז עס ניט פיר אירגענד וועלכען מאַטעריעלען צוועק, ווייל עס וועט זיך קוים בעצאָהלען פיר דיא צייט און מיה וואָס עס פאָדערט דיעזע ווערק אַרויס־צוגעבען.

וואָס דען איז דיא אורזאַכע?

עס איז געווידמעט פיר דיא גוטעס וואָס עס וועט בריינגען פיר דיא מענשהייט אין בעקעמפפען דיא שוידערליכע קראַנקהייט — שווינדזוכט.

ערקלעהרענדיג דיא מאַססען וויא אזוי צו פערהיטען דיא פערשפּרייטונג פון אזא שרעקליכע קראַנקהייט, קען בריינגען פיעלע נוטצען, און אַזוי וויא א גרויסע טהייל פון דיא אידישע בעפעלקערונג קען עס נור ערגרייכען דורך מאַמע־לשון, האָב איך זיך אונטערנומען, מיט דיא ערלויבניס פון פערפאַסער, דיעזע ווערק פאָרצולייגען פאר דעם אידישען פּובליקום, און איך האָפּפע דאָס דיעזע ווערק וועט בריינגען דיא פריכטע וועלכע זיא פערדיענט.

עס איז וויכטיג דאָס דיעזע ווערק זאָל ווערען געלעזען מיט אויפמערק־זאַמקייט פון אָנפאַנג ביז ענדע, און אויך מעהר וויא איין מאָל, ווייל וואָס מעהר מען וועט עס לעזען אַלץ מעהר וויכטיגע פּונקטען וועט ענטדעקט ווערען.

נאָוועמבער, 1901.

דאָקטאָר ל. וו. צביזאָהן,
1085 לעקסינגטאָן עוועניו, ניו יאָרק.

DR. L. W. ZWISOHN,
1085 Lexington Ave., N. Y.

טובערקולאָזע,

(שווינדזוכט)

אַלס אַ קראַנקהייט צווישען דאָס פאָלק;
און וויא עס צו בעקעמפפען.

מאָטטאָ: אום ערפאָלגרייך צו בעקעמפפען
דיא טובערקולאָזע איז נויטווענדיג
דיא טהעטיגקייט פון אַ פערנינפ־
טיגע רעגיערונג, גוט אונטער־
ריכטעטע ערצטע און איין אינטע־
ליגענטעס פאָלק.

איינלייטונג.

טובערקולאָזיס (שווינדזוכט) ווערט גערעכענט אַלס אַ קראַנק־הייט צווישען דאָס פאָלק, ווייל דיעזע קראַנקהייט ווערט פערשפּרייט צווישען פערשיעדענע קלאַסען. זייט הונדערטע יאָהרען ווערט עס ענטוויקלונג דער קראַנקהייט. גערעכענט אַלס אַ פירכטערליכע, שווערע און גרויזאַמסטע פון אַלע קראַנקהייטען. דער בעריהמטעסטער אַרצט פון מיטעלאַלטער און פאָטער פון וויסענשאַפטליכע מעדיצין, היפּאָקראַט, (וועלכער האָט געלעבט פון 460 ביז 377 יאָהר בעפאָר קריסטוס) בעשרייבט דיעזע קראַנקהייט אַלס דיא שווערסטע צו בעהאַנדלען און אלס דיא איינציגע וועלכע בריינגט דיא גרעסטע צאָהל מענשליכע אָפּפער.

איזאָקראַט, אויך איין גריכישער אַרצט, וועלכער האָט געלעבט אין דיא זעלבע צייט פון היפּאַקראַט, איז געוועזן דער ערשטער וועלכער האָט

בעשריעבען טובערקולאָזיס (שווינדזוכט) אלס איין אַנשטעקענדע קראַנקהייט.
אין מיטעל־אַלטער האָט דער בעריהמטער אַרצט מ אָ נ ט אַ נ אָ ערקלעהרט
שווינדזוכט אלס איינע פון דיא געפעהרליכסטע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען.
איינער פון דיא וויכטיגסטע פערטהיידיגער פון דיעזער טהעאָריע איז געוועזען
דער בעריהמטער אַנאַטאָמיסט מ אָ ר ג אַ נ י (1682—1771) וועלכער האָט
קיין מאָל ניט געפּאַלמעסט קיין קערפּער פון אַ פערשטאָרבענעם שווינדזיכטיגען.
אַם ענדע פון אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען דיא סאַניטאַרישע אויטאָרי־
טעטען פון איטאַליענישע און פראַנצויזישע שטעדט בעטראַכט שווינדזוכט אַלס
דיא געפעהרליכסטע אנשטעקענדע קראַנקהייט. אַ פראַנצויזישער מעדיצינישער
פּעדפּאַסער מיט דעם נאָמען ד ז ש אַ נ ע ט ד ע ל אַ נ ג ר ו י ס דערצעהלט,
דאָס דיא מיוניציפּאַלע אויטאָריטעטען פון נאַנסי האָבען. בעפאָהלען צו פער־
ברענען דיא מעבעל און בעטצייג פון אַ פרוי וועלכע איז געשטאָרבען פון
שווינדזוכט. דיא אַנשטעקונג פון דיעזע קראַנקהייט איז דאַן פאָלשטענדיג
איבערצייגט געוואָרען, דערמיט וואָס דיעזע פרוי פלעגט שלאָפען מיט אַ מעד־
כען וועלכע האָט געהאַט שווינדזוכט, ביז זיא איז אַליין קראַנק געוואָרען אויף
דעם זעלבען פעהלער.

אין נעאַפּאָל איז דעם 20טען נאָוועמבער, 1781, אַרויס אַ קעניגליכער
בעפעהל, אָבצוזונדערן אַלע שווינדזוכטיגע און דעזינפעקצירען (בעשפּריצען)
זייערע וואָהנונגען, מעבעל און ביכער, מיט עסיג, אַלקאָהאָל, ציטראָן־זאַפט,
ים־וואַסער אָדער רויכערן. פאַר'ן איבערטרעטען דיעזען געזעץ האָט מען בע־
שטראָפט אַ געוועהנליכען מענשען מיט דריי יאָהר אין דיא גאַליים, *) און אַ
נאָבעלמאַן פלעגט מען שיקען אין פעסטונג און אויך בעשטראָפען מיט 300
דוקאַטען. ווען איין אַרצט פלעגט ניט מעלדען וועגען אַ שווינדזיכטיגען פלעגט
ער אויסגעוויעזען ווערען פון לאַנד אויף צעהן יאָהר. פּ אָ ר ט אַ ל (1742—1832)
בעריכטעט, דאָס אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל זיינען דיא עלטערן און נאָהענטע
פערוואַנדטע געוועזען פער־ליכטעט צו מעלדען דיא בעאַמטע ווען אַ קראַנקער
האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען פון שווינדזוכט. דאָס געזעץ וואַר אום צו

*) ג אַ ל ל י איז איין אַלטמאָדישע שיף וועלכע פלעגט געהן מיט רודערס. מען
פלעגט אלס שטראָף שיקען צו אַרבייטען אויף אַזאַ שיף אַלס רודערער. דאָס איז געוועזען
פון דיא שווערסטע שטראַפען, אַ'ן אַרט קאַטאָרגאַ.

געבען דיא בעאַמטע דיא מעגליכקייט צו דעזינפיקצירען דיא מעבעל און קליידער פון פערשטאָרבענעם.

אין דיא ערשטע העלפטע פון נייִנצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען זאָגאַר מעדיצינישע מענער זיך וויינינג אָבגעגעבען מיט דיא טהעאָריע פון אַנשטעקונג פון טובערקולאָזע. דיא אַנשטעקונג פון דיעזע קראַנקהייט האָט מען קיינעם פאַלס ניט געקענט וויסענשאַפטליך דאָ־שטעלען. עס וואַרען אין מאַנכע פלעטצע ערצטע וועלכע האָבען געגלויבט אין דיעזע טהעאָריע, דאָך אין דיא צענטערס פון מעדיצינישע לעהרע האָט מען וועגען דעם קיין פאָזיטיווע געלערנט.

ענדליך, אין יאָהר 1865, איז דעם פראַנצויזישען ארצט ו י ל א מ י ן געלונגען צו איבערצייגען אָהנע אירגענד וועלכען צווייפעל, דאָס טובערקולאָזיס (שווינדזוכט) קען איבערגעהן פון איין אינדיווידיום צום צווייטען. דיעזער געלעהרטער האט אָנגעווענדעט טובערקולאָזישע באַצילען אויף טהיערע, ניט נור בלויז אויף דיא לונגען, זאָנדערן אויך אויף אַנדערע טהיילען פון קערפער. זייט דיעזער ענטדעקונג איז געמאַכט געוואָרען און דיא עקספערימענטען פון ק אָ ה ע נ ה י י ם, ו ו ע ל ך, פ ר ו ד ע ן, ס ט ר א ו ס און אַנדערע, זיינען גע־לונגען, איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דאָס טובערקולאָזע (שווינדזוכט) איז איין אַנשטעקענדע קראַנקהייט, און אום דיעזע קראַנקהייט צו ערוועקען עקזיסטירט איין באַצילע. דיא ענטדעקונג פון דיעזע באַציליע (Bacillus Tuberculosis) איז געלונגען דעם גרויסען דייטשען געלעהרטען ר אָ ב ע ר ט ק אָ ךְ, אין יאָהר 1882.

טובערקולאָזיס איז אַן ענדעמישע קראַנקהייט.

טובערקולאָזיס (שווינדזוכט) איז איין ענדעמישע—ד. ה. איין היימישע—קראַנקהייט. און צור געגענווערטיגער צייט איז עס פערברייטעט אין אַלע ציווי־ליזירטע לענדער.ווילדע שבטים אָך וויניגער ציוויליזירטע פעלקער געהען אונטער פון דיעזע קראַנקהייט אַזוי שנעל וויא זיי קומען אין פערבינדונג מיט ציוויליזירטע. אלס בעווייז דאַצו קענען מיר אָנצייגען אין נאָרד אַמעריקאַ דיא אינדיאַ־נער און ניגערס און זייער אָבשטאַמונג, וועלכע וואָהנען יעצט אין דיא פער־איינינגטע שטאַאטען. לויט דעם לעצטען בעריכט פון דיא באָאַרד אָף העלטה (געזונדהייטס־דעפּאַרטעמענט) פון טאָראָנטאָ (קאַנאַדאַ), האָט זיך דער שווינד־

זוכט זעהר שטאַרק פערברייטעט צווישען דיא בלוט־אינדיאַנער פון קאַנאַדאַ. פון יעדע הונדערט שטערבעפעלע וועלכע האָט פּאַסירט ביי דיעזען טרייב (שבט) אין יאָהר 1898, וואר דריי־און־צוואַנציג דיא פּאָלגען פון שווינדזוכט. זייט דיא אינדיאַנער שטעהען אונטער דיא אויפזיכט פון דיא קאַנאַדישע רעגירונג, קען מען זיך פערלאָזען דאָס דיעזער בעריכט איז גלויבענסווירדיג.

דיא שטערבעפעלע צווישען דיא קאָלירטע בעפעלקערונג פון דיא פער־איינגטע שטאַאַטען איז דאָפּעלט פון דיא ווייסע. עס איז נויטיג היער צו בעמערקען דאָס דיא שטערבעפעלע פון דיא אינדיאַנער ווערט פערגרעסערט ניט דורך דיא גוטע זייטען וואָס דיא ציוויליזאַציאָן האָט געבראַכט, זאָנדערן דורך דיא שלעכטעס—נעהמליך, שכרות, אויסגעלאַסענהייט, און אַנדערע שוועכע.

עס זיינען ערשיענען אַזוי פיעל סטאַטיסטיקס וועגען שטערבעפעללע פון שווינדזוכט אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען און אייראָפּאַ, דאָס מיר געפינען

איינגע סטאַטיסטיקס

פיר איבעריג איבערצודרוקען אירגענד וועלכע אויסרעכענונג, מיר וועלען זיך דארום בעגניגען מיט מאַנכע פון דיא אַלגע־מיינע אויסרעכענונגען. עס איז יעצט אין דער גאַנצער וועלט אַנערקענט, דאָס שווינדזוכט פעראורזאַכט דיא גרעסטע צאָהל שטערבעפעלע. נאָך מאַנכע בעהויפּטונגען איז איינע אין זיעבען שטערבעפעלע פעראורזאַכט פון שווינדזוכט, אַנדערע בעהויפּטען דאָס איינע אין זעקס שטערבעפעלע איז פעראורזאַכט פון שווינדזוכט. לויט דר. ד ז אָ ר ד ז פּ. ק י י ן, פון רהאָוד איילאַנד, וועלכער איז אַ טיכטיגער בעאָבאַכטער, פּאַלען יעהרליך 10,000 איינוואָהנער פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען אלס אָפּפער פון דיעזע קראַנקהייט. אין דער גאַנצער וועלט פאַלען יעהרליך 1,095,000, טעגליך 3,000, יעדע מינוט 2.

טובערקולאָזיס צייגט זיך אָפּטמאָל ארויס אין אָנגעגריפענע לונגען, וויא בעקאַנט אונטער דעם נאָמען שווינדזוכט. דיא נאַבריכט פון קייזערליכען סאַניטאַרען ביורא אין בערלין צייגט, דאָס 13 פּראָצענט שטערבעפעללע זיינען פעראורזאַכט פון שווינדזוכט. דאָך איז אין דיא לעצטע יאָהרען דיא צאָהל טויטע פון שווינדזוכט אין מאַנכע אַמעריקאַנישע און אייראָפּייאישע שטעדט (בערלין, לאָנדאָן, ניו יאָרק, פילאַדעלפיא) בעדייטענד פערקלענערט. דאָס איז צוליעב דיא בעסערע מיטלען, און זיכערע מעטהאָדען אין בעהאַנדלען דיא קראַנקהייט.

אין איינע פון דיזע וייטערע קאפיטלען וועלען מיר גענויער בעהאנדלען וועגען דיא געמיינשאפטליכע היגיענע און ספעציעלע אנשטאלטען וויא צו בעשיצען זיך פון שווינדזוכט.

אין בעצוג פון סטאטיסטיקס וועלען מיר דא בעריהרען בלויז איינינע אינטערעסאנטע פאקטען פון א פאמפלעט וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען פון דיא קייזערליכע געזונד־אמטס אין בערלין. לויט דיעזען לעצטען בעריכט איז דיא גרעסטע צאהל טויטענפעללע אין רוסלאנד און עסטרייך, ד. ה. 3,500 פון יעדע מילליאן איינוואהנער. דיא קלענסטע איז אין ענגלאנד, ווייניגער אלס 1,500 אויף יעדע מיליאן איינוואהנער. דייטשלאנד רעכענט זיך מיטעלמעסיג, וועהרענד פראנקרייך קומט נעקסט צו עסטרייך. *)

דיא נאכפארשונגען פון דיא לעצטע צייט האבען בעוויעזען, דאס שווינדזוכט אדער אנדערע פארמען פון טובערקולאזיס קען ניט נור בעזייטיגט ווערען, זאנדערן אויך גרינדליך געהיילט ווערען. רעגיערונגען און דיא מעדיצינישע פראפעסיאן ארבייטען צוזאמען ענערגיש אום דיזע אויפגאבע, וועלכע איז זא וויכטיג פיר דער מענשהייט צו בעזייטיגען. דער קאנגרעס פיר דיא שטודיום פון טובערקולאזיס, וועלכער האט שטאטגעפונדען אין פאריז אין 1888; דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס, וועלכער האט שטאטגעפונען אין בערלין, אין מאי 1899, אונטער דיא פראטעקציאן פון דיא דייטשע קייזערין; און דער איטאליענישער קאנגרעס וועלכער איז איינבערופען געווארען פיר דען זעלבען צוועק אין נעאפאל,—זיינען פאלשטענדיגע בעוויזע וויא טיכטיג דיא מעדיצינישע פראפעסיאן צוזאמען מיט דיא רעגיערונגען פון פערשידענע לענדער, ארבייטען פיר דיא בעקעמפפונג פון דיעזע שוידערהאפטע קראנקהייט.

נור אזוי וויא דיא מאטטא פון דיעזעס ווערק דריקט אויס, איז נויטווענדיג דיא מיטווירקונג פון אייך אינטעליגענטעס פאלק אין דעם אלגעמיינעם קאמפף.

מיר וועלען דא איבערגעבען א בעשרייבונג פון טובערקולאזיס, וועלכער איז בעקאנט אלס לונגען־שווינדזוכט, אדער אויסצעהרונג.

*) וועגען דיא פעראייניגטע שטאאטען ווערט אין דיא טאבעלע ניט ערוואנערט אבער מען קען רעכענען אין פערגלייך נאהענט מיט דייטשלאנד.

1טעס קאַפּיטעל.

וואָס איז שווינדזוכט?

שווינדזוכט איז א כראָנישע לונגען־קראַנקהייט, וועלכע ווערט פעראורזאכט פון טובערקולאָזע באצילען. (ווירמע, אָדער דיא זאָמע פון אויסצעהרונג אין דיא לונגען). מען קען געפינען מיליאָנען אזעלכע ווירמע אין דיא קראנקע לונגען. עס איז דער קליינער פאַראזיט, וועלכער בעלאַנגט צו דיא ניעדריגסטע שטופע. אייסער דעם וואָס דיזע ווירמע צושטערט דיא לונגען מיט מאַטעריע, לאָזט זיא נאָך אַרויס אזא גיפט וועלכער רופט זיך טאָקסין, פון וועלכע עס פעראורזאכט פערשיעדענע געפעהרליכע סימפטאָמען, וועלכע פיהרען צו שווינדזוכט. דיעזע קראַנקהייט צייגט זיך אויף דיא לונגען פון א גרויסע צאָהל נעסטען אָדער טובערקאָלס, דאָס הייסט קליינע יונדע באדים וואָס מען קען אָנזעהן מיט דיא אויגען.



פיגור 1, טובערקולאָזע באַצילּיע.
וויא עס זעהט אויס ווען אַ שווינדזוכטיגער שפייט אויס. פערגרעסערט 1200 מאָל.

דיא וויכטיגסטע סימפטאָמען פון טובערקולאָזען אין דיא לונגען זיינען: הוסט, שפייען, פיעבער (דיא טעמפעראַטור פון קערפער ווערט שטארקער אַם מייסטענס געגען אבענד), שווירינגקייט צו אַטהמען, א וויטאָג אין ברוסט, שוויצען ביי נאַכט, פערלוסט פון אַפעטיט, שפייען מיט בלוט, און ווערען מאַגערער.

אין דיא אויסגעשפייטע שטאָף קען מען ענטדעקען דיא טובערקולאָזע באַצילּיען מיט דיא הילפע פון א מיקראָסקאָפ, און אריינמיישענדיג אַ קאָלירטען פארב. עס זעהט אויס וויא קליינע שטעקעלאַך. אום צו געבען אַ בעגריף וויא דיא באַצילּיע אָדער באַקטעריע זעהט אויס, צייגען מיר דיא צייכנונג וועלכע איז פערגרעסערט צוועלף־הונדערט מאָל. דאָס הייסט פונקט וויא מען זיעהט

דיא אויסגעשפייטע שטאָף דורך א מיקראָסקאָפּ. דיא לאַנגע שטעקעלאך זיינע דיא באצילען, דיא רונדע זיינען אנדערע שטאָפּען, וועלכע איז צוזאמען מיט זיי ארויסגעשפייט געוואָרען.

2טעס קאַפּיטעל.

וויא אַזוי קען דיא באַצילע פון שווינדזוכט אַריין אין דעם מענשליכען קערפּער?

1. דורך אָטהעמען; דאָס הייסט אריינאטעמען אין דיא לונגען
2. עסענדיג שפּייז וועלכע זיינען אָנגעשטעקט מיט טובערקולאָזע.
3. דיא טובערקולאָזע באציעלען קענען זיך אריינ׳גנב׳נען אונטער׳ן הויט דורך איין אָפענע וואונד.

פון דיעזע דריי ארטען וויא אזוי דיא באצילע קען אריינקומען אין קערפּער, איז דיא ערשטע דיא הויפּט וויכטיגסטע.

3טעס קאַפּיטעל.

וויא אַזוי ווערט דיא באַצילע אַריינגע-אַטעמט אין קערפּער?

א שווינדזוכטיגער קען אויסשפייען טעגליך א גרויסע צאָהל באצילען זאָגאר ווען ער ליעגט ניט צו בעט, און ווען מען זאָל אונפאָרזיכטיגערהייד שפּייען אבי וואו, דאַן טריקענט עס אויס און עס ווערט דערפון שטויב, דער קלענסטער ווינד הויבט עס אויף און דער געזונדער מענש קען עס אריינאטעמען, און אויב זיין קערפּער איז פּאַסענד פיר אזא קראנקהייט, דאן וואָרצלט זיך איין דיא באצילען און זיי פערמעהרען זיך. אונטער דאָס וואָרט פּאַסענד פיר אזא קראנקהייט, מיינט מען אזא פּערזאָן וועלכע איז פון פריהערע קראנק-הייטען, אָדער דורך ערבשאפט אָבגעשוואכט, אָדער וועלכער איז גענייגט צו אַלקאָהליזם, שכרות אָדער אנדערע אונגאטירליכע געוואָהנהייטען.

א זאַמלונג פון באַצילען אין שפּייעכץ.

אויסער דיא נעפאהר פון איינאטהמען, וועלכע קומט דורך דעם וואָס א שווינדזוכטינער שפייט אויס, גיבט עס נאָך א זאָרט איינאטהמען (נעמליך דיא קליינע שטיקלעך שלינע וועלכע פליהען ארויס פון מויל), פון א טרוקענעם הוסט פון א שווינדזוכטינען, אָדער ווען ער רעדט הויך און שנעל, אָדער ניסענדיג. דיעזען אַרט איינאטהמונג מוזען אויך גוט אין אכט נעהמען דיא וועלכע קומען אין פערבינדונג מיט א שווינדזוכטינען, ווייל אין דיעזע קליינע טראָפּענס שלינע קען זיך נעפינען באצילען. דורך עקספּערימענטען איז בעוויזען געוואָרען דאָס אזא ארט אנשטעקונג איז מעגליך.

4טעס קאַפּיטעל.

וואָס קען מען טהון אום אָבצוהאַלטען דיא פערשפּרייטונג פון שווינדזוכט (דורך דעם וואָס דיא ליידענדע שפּייען)?

A. דיא צושטערונג פון טובערקולאָזע שפּייעכץ.

יעדער וואָס ליידעט פון שווינדזוכט, וויא אויך דיא וועלכע וואָהנען מיט איהם צוזאמען, מוזען וויסען דאָס אלע פערהיטונגס־מיטלען זיינען גראדע אזוי וויכטיג פיר דעם קראנקען אזוי וויא פיר דעם געזונדען. דעם ליידענדען פערהיט עס פון ווייטערע ארייננאטהעמונג, וועהרענד דעם געזונדען פערהיט עס פון אנשטעקונג.

יעדער פאציענט וואָס ליידעט פון לונגען־שווינדזוכט מוז וויסען, דאָס ניט אכטענדיג וויא ווייט דיא קראנקהייט איז ענטוויקעלט, קען זיינע שפּייעכץ פערשפּרייטען דיא באצילען פון דיא קראנקהייט, און דארום מוז עס צושטערט ווערען בעפאָר עס ווערט פערטריקענט, אָדער עס ווערט דערפון שטויב. דער פאציענט זאָל דארום אימער שפּייען אין א בעזאָנדערען ספּיטון פיר דיעזען צוועק. עס איז אם בעסטען צו האָבען דיא געשיער פון מעטאל אום עס זאָל זיך ניט ברעכען. עס זאָל אימער זיין אָנגעפילט א העלפט מיט וואסער אָדער אירגענד וועלכען דעזינפעקצירענדען שטאָף, זאָ דאָס דיא ארויסגעשפּייטע שטאָף זאָל ניט קענען טריקענען.

אין פאבריקען, מאגאזינען, וואגאָנען, וואַרטעד־צימערען, געריכטס־הייזער, רעסטאָראנטען, פערזאמלונגס־פלעטצער, טהעאטערע, און איבערהויפט וואו מעהרערע מענשען פערזאמלען זיך, זאָל אימער זיין א גענוגענדע צאָהל ספּי־טונס, וועלכע זאָלען רעגעלמעסיג גערייניגט ווערען. דיא ספּיטונס זאָלען געמאכט ווערען פון א מאטעריאל וואָס ברעכט ניט און מיט ברייטע עפענונגען, ווען דיעזעס זאָל ריכטיג אויפגעפאסט ווערען, דאן וועט זיך קיינער ניט ערלויבען צו שפּייען אבי וואו, און דאמיט אין געפאהר צו שטעלען זיינע מיט־מענשען.

THE KNY-SCHEERER CO., N. Y.

פיגור 2.—ערליאַטער ספּיטון, מיט אַ בלומענטאָפּ אַלס ציערונג. (וויא עס זעהט אויס צוגעמאַכטערהייד).

אין א קראנקען־צימער פון א פּריוואט־הויז, אין האָספּיטעלער און סאנאַטאָריען זאָלען דיא ספּיטונס זיין צוגעדעקטע, און עס איז אם בעסטען זיי צו האלטען אויף הויכע סטענדס (ביינקעד־לאך) אין א הילצערנע קעסטיל. דער ספּיטון איז אָנגעטהון אויף א רינג און דיא טהירען פון קעסטיל און קען לייכט ארויסגענומען ווערען צום אויסרייניגען. דריי פוס איז איינגעפּעהר דיא ריכטיגע מאָס וויא הויך דער סטענד זאָל געמאכט ווערען. דיעזע איינריכטונג האָט א דאָפּעלטען צוועק, ערשטענס וועט אין גאנצען דיא שפּייעכץ אריין אין ספּיטון, צווייטענס פערהיט עס דיא אונאנגענעהמליכקייט צו זעהן דעם ספּיטון אימער פאר דיא אויגען. דער פּאציענט עפענט אויף דיא טהירעל פון קעסטיל בלויז ווען ער דארף אויסשפּייען, דאן מאכט ער עס צוריק צו. דיא נויטווענדיגקייט צו האלטען דיא ספּיטונס צוגעדעקט, איז אום פליעגען אָדער אנדערע אינסעקטען זאָלען ניט ארויסטראָגען דיא באַצילען

פון קראנקען - צימער אין איין אנדערן. עס איז בעוויעזען גע־וואָרען דאָס פליעגען בעזאָנדערס קענען איבערטראָגען באצילען פון איין אָרט אין א צווייטען. דיא פליעג וועלכע האָט זיך אָנגעשעפּט מיט טובערקולאָזע בא־צילען קען עס פערשפּרייטען אויף דריי ארטען: ערשטענס, קען זיא מיטנעהמען שטיקלעך שפּייעכץ אויף דיא פיסלעך און איבערלאָזען עס וואו זיא שטעלט זיך אוועק. צווייטענס, אויב עס האָט אָנגע־נומען אין זיך טובערקולאָזען, דאן גיעבט עס איבער אויף אירגענד וועלכע שפּייז, און ווער עס עסט דיא שפּייז נעהמט זיך אָן דיא קראנקהייט. דריטענס, קענען דיא אינסעקטען פערשפּרייטען דיא שטויב וועלכע האָט דיא באצילען און דאָס ווערט אריינגעאטעמט אין דיא לונגען.

THE KNY-SCHEERER CO., N. Y.

פיגור A 2.—ערליאָטער ספּיטון, מיט אַ בלומענ־טאָפּ אַלס ציערונג.
(וויא עס זעהט אויס אָפענערהייד, ווען מען געברויכט עס.



פיגור 3. — פּרעדאָהעלס ספּיטון.

דער מעטאלענער ספּיטון, אויפצוהייננען אין דער הויף, האָט אין פיעלע הינזיכטען מעהר מעלות וויא דיא פּאָרצעלייענע אָדער ליימענע. הינט אָדער קעטץ קענע: ניט צוקומען און לעקען דיא ספּיטונס. עס איז אויך זיכער אז עס וועט ניט פּלאַצען, ווען מען טראָגט עס ארויס אין קעלט אין א הילצערנע קעסטיל.



פיגור 4.—דעטוויילערס טאַשען סלוי.

פיגור 5 A.—קנאָפּף׳ס אַלומינום סלוי.

פיר פאַבריקען און ווערק־הייזער איז אם בעסטען פּרעדע־האַל׳ס אייזערנער ענאַמעלירטער ספּיטון, וועלכער האלט נייען אינ־טשעס הויך און אַכט אינטשעס ברייט פיר דיא גרויסע סייז, און דריי אינטשעס פיר דיא קליינע סייז. דאָס בילד נומער 3 צייגט דאָס עס איז לייכט אויפצוהייגנען אויף אירגענד וועלכען פּלאַטץ, און עס איז לייכט צו רייניגען.

ווען א פּאַציענט געהט ארויס פון הויז זאָל ער מיטנעהמען א פלאַשען־ספּיטון. עס זיינען דאָ פערשיעדענע צו פערקויפען און מיר צייגען דאָ אָן אויף איניגע. דעטווייל׳ערס איז פון בלויען גלאָז אין דריי שטיקער (פיגור 4), קנאָפּף׳ס געמאכט פון אַלומינום (פיגורס 5 און 6), ליעבע׳ס, פון בלויע גלאָז, געמאכט פון צוויי שטיקער (פיגור 7). דיא דירעק־ציאָנען וויא עס צו געברויכען גיט זיך מיט יעדען סלוי. דיא טהייערסטע פון זיי איז פיגור 4 און 5, וועלכע מען קען מיט איין האנד זיך בענעהן. זיי זיינען אלע לייכט צו רייניגען. דיא אויסגע־שפּייטע שטאָף פון דיא ספּיטונס זאָלען פערניכטעט ווערען אויף



פיגור 5 B.—*דעק צו פיגור 5 A.

פיגור 6. —׳ קנאָפּף׳ס אַלומינום סלוי מיט׳ן געוועהנליכען דעק.

אזא ארט דאָס דיא באַצילען זאָלען געטויטעט ווערען. וואו עס עקסיסטירט גוטע סוער רעהרען, קען מען דיא ספּיטונס אויסריינינגען אין דיא וואַטער קלאָ־זעטען (בית הכסא). וואו עס איז ניטאָ קיין גוטע סוערס

דיזינפעקציאָן און פערניכטונג פון טובערקולאָזע

אָדער לויפענדע וואַסער, איז בעסער אויפצוקאָכען דיא ענטהאַלטענדע פון דיא ספּיטונס בעפאר מען גיסט עס אויס. דאַצו מוז מען האָבען אַ בעזונדערען טאָפּ וועלכער דארף זיין אַ העלפט אָנגעפיהלט מיט וואַסער. אונגעפעהר יעדע פיער און צוואַנציג שטונדען זאָל מען דעם טאָפּ אויפקאָכען און אריינטאָהן דיא ענטהאַלטענדע פון דיא ספּיטונס. אום צו ערהייכען דיא קאָכענדע טעמפּעראַטור איז ראַטהזאַם צוצוגעבען אַ טהעע־לעפעל וואַש־סאָדאַ צו יעדע קוואָרט וואַסער. נאָך דעם וויא עס קאָכט פינף מינוטען לאַנג, זיינען שוין דיא באַצילען טויט און דיא ענטהאַלטענדע שטאָף איז אין גאַנצען אונשעדליך. דיא דעזינפעקציאָן פון טובערקולאָזע דורך קארבאָל און קוועק־זילבער איז ניט זיכער. וועהרענד געוועהנליכע האנדעלס האָליך־עסיג איז בעקוועמליכער און זיכערער.

פיגור 7. — ליעבּער׳ס טאַשען ספּיטון.

ווען עס איז פיר יעמאַנדען ניט אַנגע־נעהם צו קאָכען אָדער דיזינפעקצירען דיא ענטהאַלטענדעס פון טאַשען - ספּיטונס, וואָלטען מיר ראַטהען פאָלגענדעס: מען זאָל אויסגיסען אַלעס פון ספּיטון אין אייניגע בויגענס צייטונגס פאַפּיער, פאַרזיכטיג צוזאַמען נעהמען דיא ברעגעס און אַריינ־ווארפען אין פייער, —דאַביי מוז מען בעאָב־אַכטען דאָס עס זאָל ניט אַרונטער רינען פון פאַפּיער.



פיגור 8. — שפּייקאָפּ געמאַכט פון אַלומינום אָדער פאַרצעליין.

אַ טאַשענטוך זאָל מען קיין מאָל ניט געברויכען אָבצוואווישען דיא שפּייעכץ. פּאַציענטען וועלכע זיינען צו קראַנק אום

צו געברויכען פּאָרצעלייענע אָדער אַלומינום ספּיטונס, זאָלען אימער לעבען זיך האַלטען פייכטע טיכער. מען מוז אויפּפּאַסען דאָס דיא טיכער זאָלען אימער נאַסס זיין, און דאָס דיעזע וועלכע זיינען שוין געברויכט געוואָרען זאָלען פּער־ברענט ווערען איידער זיי קענען אויסטריקענען. פּאַפּיערענע ספּיטונס דאַרפען נאַטירליך אויך זאָפאָרט נאָכ'ן געברויך פּערברענט ווערען.

עס געפינען זיך אימער אַזעלכע שווינדזוכדיגע וועלכע קענען ביי זיך ניט פּועל'ן צו האַלטען טאַשען־ספּיטונס, בלויז דארום ווייל זיי ווילען ניט אַנערקענען דיא וויכטיגקייט פון זייער קראַנקהייט. פיר דיעזע פּערזאָנען איז אַם בעסטען צו האָבען ביי זיך ווייכע מאָזלען, טשיז־קלאָטה, ביליגע טאַשענטיכער אָדער יאַפּאַנעזישע טאַשען־טיכער פון פּאַפּיער, וועלכע איז שפּעציעל פיר דיעזען צוועק געמאַכט געוואָרען. דאָס איז לייכט צו פּערברענען נאָכ'ן געברויכען. דיעזע טיכער זאָלען געהאַלטען ווערען אין אַ שפּעציעלע טאַשע פון גומי אָדער אַ'ן אַנדער שטאָף וועלכע מען קען גוט אויסריי־ניגען. דיעזע טאַשע קען מען אויפהיינגען אַזוי, אַז עס זאָל ניט מאַכען קיין אונבע־קוועמליכקייט פיר דעם פּאַציענט. עס איז בעסער צו האָבען ביי זיך צוויי



פיגור A9. — שאַכטעל פון סיבאָרי און דזשאָהנסאָן'ס שפּיי־קאָפּע.



פיגור 10.—קני־שעערע'ס ספּיטון קאָפּ.



פיגור B 9.—צוזאַמענגעלעגטער טאָוועל, וועלכער דאַרף פּער־ברענט ווערען נאָך'ן געברויך.

אַזעלכע טאַשען אום מען זאָל קענען האָבען גענוג טיכער אַרום זיך. דיא פּאַציענטען וועלכע געברויכען טאַשענטיכער אָדער אַנדערע טיכער אָבצואווישען דיא שפּייעכץ, זיינען קיין מאָל ניט זיכער, דאָס זייערע הענד זיינען ריין פון באַצילען, דאַרום איז זעהר וויכטיג דאָס דער פּאַציענט זאָל גוט וואַשען דיא הענד איידער ער נעהמט אירגענד וועלכע שפּייז.

B. וויא אַזוי צו דעזינפעקצירען קראַנקען-צימערן.—

דיא צימערן וואו עס געפינט זיך א שווינדזוכטיגער פּאַציענט, דאַרפען רעגעל־מעסיג דעזינפעקצירט ווערען, זאָבאַלד עס איז מעגליך דאָס זאָגאַר דיא מעבעל, דער פוס־באָדען און דיא וואַנד קענען אָנגעשטעקט ווערען. עס איז זעלבסט־פערשטענדליך דאָס אַלעס מיט וואָס דער קראַנקער קומט אין בעריהרונג זאָל דיזינפעקצירט ווערען, זאָגאַר דיא קליידער, ביכער, א. ז. וו. אין פיעלע געגענדען בעזאָרגט עס דיא באָארד אָף העלטה. וואו עס איז אונמעגליך צו בעזאָרגען דיא לייסטונג פון דיא באָארד אָף העלטה, וועלען מיר ראַטהען דיא פאָלגענדע דירעקציאָנען וויא אזוי צו דיזינפעקצירען: 1) אַלע שפּאַלטען אין דיא וואַנד, אין פוס-באָדען, און אין דיא פענסטער זאָלען פערשטאָפּט ווערען מיט וואַטע אָדער פּאַסען וואַרע. 2) דיא לייליכער, דעקען, קאַרפּעט א. ז. וו. זאָל אַרויסגעהאַנגען ווערען אויף אַ ליין אום גוט דורכצולופטערן. מען זאָל ניט אָנוואַרפען איינע אויף דיא אַנדערע. דיא טאָוולען פון דיא ביכער זאָלען געעפענט ווערען, זאָ דאָס דיא בלעטער זאָלען זיך קענען גוט לופטערן. 3) דער פוס־באָדען און דיא וואַנד און אַלעס וואָס עס געפינט זיך אין צימער זאָל בעשפּריצט ווערען מיט וואַסער. אויב עס געפינט זיך אויף׳ן פוס־באָדען פערטריקענטע פלאַגמע פון שפּייעכץ, זאָל עס מיט וואַסער צופיהרט ווערען. עס איז נאָך פערשיעדענע מיטעל דאָ, וויא אזוי צו דיזינפעקצירען, אָבער עס איז אַם זיכערסטען צו בעראַטהען זיך מיט א דאָקטאָר וועגען דעם, ווייל פּריוואַט פּערזאָנען קענען ניט אזוי גענוי וויסען אַלע מיטלען און וויא זיך צו בעגעהן. פיר איינגענטהימער פון האָטעלען און גאַסטהייזער איז עס אַם נייטהיגסטען צו בעאָבאַכטען, דאָס אויב אַ שווינדזוכטינער האָט ביי זיי פערנומען אַ צימער, זאָל מען עס דיזינפעקצירען זאָבאַלד וויא דער פּאַציענט האָט אַרויסגעצויגען.

אין מאַנכע שטעדט זיינען דאָ געגענדען אָדער הייזער וואו דיא טובערקולאָזיס איז אזוי וויא איינגעוואַקסען. דיא קראַנקהייט ווערט דאָרט עפּידעמיש.

עס קומט פיליכט דערפון, וואָס דאָרטען האָבען א לאַנגע צייט געוואָהנט שווינדזוכטיגע, און דורך זייער נאַכלעסיגקייט האָט זיך די קראַנקהייט דאָרט איינגעוואָרצעלט, אָדער פיליכט איז דער פלאַטץ אָדער די געביידע אַזוי אז עס פעראורזאַכט די קראנקהייט. אויב דורך ענערגישע דעזינפעקציר'ונג קען די עפּידעמיע פון דאָרט ניט פערטריבען ווערען, איז דער איינציגער מיטעל, איינצוואַרפען די הויז.

5טעס קאַפיטעל.

וואָס קענען מיר טהון, אום זיך צו פערהיטען פון די טראָפּען שפּייעכץ, וועלכע אַ שווינדזוכטיגער שפּריצט אַרויס, ווען ער הוסט, ווען ער רעדט הויך, אָדער ווען ער ניסט?

עס איז א געפאַהר, ווען יעמאַנד איז א לאַנגע צייט צוזאַמען מיט א שווינדזוכטיגען, איבערהויפּט ווען דער קראַנקער הוסט. די געפאַהר איז פאַרביי ווען מען איז דריי אָדער פיער פוס ווייט פון קראַנקען, ווייל די טראָפּען שפּייעכץ וועלכע פליהען ארויס פון מויל ווען דער קראַנקער הוסט, רעדט הויך, אָדער ניסט, קען ניט פליהען ווייטער פון דריי פוס, און עס פאַלט גלייך צום פוס־באָדען.

עס מוז אויפגעפּאַסט ווערען די קלענסטע געפאַהר פון די באַצילען צו פערמיידען, און מען זאָל ניט צולאָזען דאָס די פערטרקענטע שפּייעכץ זאָל זיך אויפהויבען צוזאַמען מיט'ן שטויב, דארום איז ניט פּראַקטיש צו האַלטען א קארפּעט אויף'ן פוס־באָדען אין דעם צימער פון א קראַנקען. מען זאָל אויך דעם צימער ניט אויסקעהרען, זאָנדערן וואַשען מיט א נאַסע טוך, אָדער מיט רויהע אויל. די שטויב פון די מעבעל זאָל אויך אַזא ארט געריינינגט ווערען. עס איז ניט גוט צו האַלטען אין דעם צימער פון א שווינד־זוכטיגען, מעבעל וועלכע איז בעצויגען מיט פּלאָיש, סאַמעט. אָדער אירגענד

וויא אַזוי דער צימער פון אַ שווינדזוכטיגען דאַרף אויפגעהאַלטען ווערען.

וועלכע אַנדערע שטויביגע שטאָף. אויך גאַרדינען אָדער אנדערע דעקאָראַציאָנען וועלכע קלייבען שטויב, איז ניט נויטיג אין אזא צימער. מעבעל בעצויגען מיט לעדער, אָדער געוועהנליכע האָלץ־מעבעל איז אַם בעסטען. דיא גאַרדינען זאָלען זיין פון אזא שטאָף וועלכע איז לייכט צום וואַשען. אירגענד וועלכע פאָרהאַנגען וועלכע פערשטעלען דעם שיין פון דיא זון אין צימער זאָלען בעזייטיגט ווערען.

אויב מעגליך, זאָל יעדער פאַציענט האָבען אַ בעזונדער צימער, יעדענפאלס מוז יעדער האָבען אַ בעזונדער בעט. עס איז גראַדע אזוי געפעהרליך צו שלאָפען נאָהענט לעבען אַ שווינדזוכטיגען וויא צו שלאָפען מיט איהם אין איין בעט.

פריינדע, פערוואַנדטע און נוירסעס זאָלען ניט פערבלייבען ביי'ן פאַציענט לייגער וויא עס איז נויטיג. דער שווינדזוכטיגער זאָל אימער האַלטען א

פאָרזיכטיגקייט פון דיא וועלכע געהען אַרום דעם קראַנקען.

טאַשענטוך ביי'ן מויל, ווען ער הוסט, אָדער ווען ער ניסט. מען זאָל איהם ראַטהען, ער זאָל האָבען ביי זיך צוויי טאַשענטיכער; איינע אָבצואווישען דיא מויל נאָך'ן הוסטען, און דיא צווייטע אָבצואווישען דעם נאָז. אויב דער פאַציענט וועט זיך פאָרזיכטיג אָבהיטען מיט'ן בייטען דיא טאַשענטיכער, קען ער פערהיטען פון אָנשטעקען דעם נאָז און דיא בראָנכיטישע רעהרען.

אַלע שמוטציגע וועש (ליילעכער, ציכלעך, אונטערוועש, נעפקינס, טאַשענטיכער, א. ז. וו.) וועלכע ווערען געברויכט פון אַ שווינדזוכטיגען, זאָל מען ניט האַלטען אין האַנד מעהר וויא עס איז נויטהיג, זאָנדערן גלייך וויא מען

פאָרזיכטיגקייט מיט וועש.

נעהמט עס אַרונטער פון קערפער, אָדער פון בעט, זאָל מען עס אַוועק לייגען אין וואַסער. עס איז בעסער צו וואַשען דיעזע וועש גאַנץ בעזונדער, און ניט מישען מיט אנדערע ביז עס איז גוט אויסגעוואַשען און איבערגעקאָכט. וואו עס איז ניט מעגליך גענוי נאָכצוקומען דיעזע רעגעלען פינקטליך, מוז מען זעהן וויא מעגליך זיך אָבהיטען.

6טעס קאַפּיטעל.

וויא אַזוי קען אַ מענש איבערגעבען שווינד־זוכט צו אַ טהיער?

אין איינעם פון דיא פריהערדיגע קאַפּיטלען האָבען מיר גערעדט וועגען דיא וויכטיגקייט פון הויכע ספּיטונס, אום צו פערהיטען דיא הויזליכע טהירע, הינט, קעטץ א. ז. וו., דאָס זיי זאָלען זיך ניט אָנשטעקען דיא קראַנקהייט, דורך דעם וואָס זיי לעקען אויס דיא שפּייעכץ. דערפון וואָס דיא שווינדזוכטיגע שפּייען אין דיא פעלדער, שטאַלען און נאָך אַזוינע פּלעצער, קענען דיא טהיערע זיך אַננעהמען דיעזע קראַנקהייט. דער פאָלגענדער בעלעהרענדער פאַקט איז געקומען צום האנד דעם פּערפאַסער פון דיעזע ווערק: אין איין אַנשטאַלט פון באַרמהערציגע שוועסטער פיר בעהאַנדלונג פון שווינדזוכטיגע איז ניט געוועזן גענוג שטרענגע מעדיצינישע אויפּפּאַסונג. עס האָט עקסיסטירט בלויז איינעגע רעגעלען וועגען שפּייען אין דיא צימערן; אין דרויסען אָבער האָבען דיא פּאַציענטען געקענט זיך פיהרען וויא זיי האָט געלוסט, און זיי פלעגען שפּייען וואו עס האָט זיך געמאַכט, ביי זייער טעגליכען שפּאַציער. א גוטס־בעזיטצער פון דער נאַכבאַרשאַפט האָט געקויפט פינף געזונטע קיה. מיט א קורצע צייט שפּעטער האָט ער געלאָזט זיי אונטערזוכען. און מען האָט אויסגעפונען דאָס צוויי פון זיי האָבען שווינדזוכט ער האָט דיא שווינדזוכטיגע קיה געטויטעט, דעם שטאַל ריין דעזינפּעקצירט און האָט מעהר ניט ערלויבט דיא שווינדזוכטיגע פּאַציענטען צו שפּאַצירען אויף דיא לאָנקעס, וואו זיינע קיה פּאַשען זיך, און זייט דאַן האָבען זיינע שאָף מעהר ניט געליטען פון שווינדזוכט.

זאָגאַר עס איז וואַהר, דאָס דיא זונן און דיא לופט צושטערען דיא באַצילען פון שווינדזוכט, דאָך איז ראַטהזאַם ניט צו פערלאָזען זיך דארויף, וויל עס קען ברייננגען שאַדען, דורך דעם וואָס טהיערע וועלען אויסלעקען דיא טובערקולאָזע שפּייעכץ איידער דיא זונן אָדער דיא לופט האָט נעקענט צו־שטערען דיא באַצילען. אין דעמפּע און דונקעלע פּלעטצער געדויערט אַ לייג־גערע צייט ביז דיא באַצילען ווערען צושטערט.

דאָס שטוהל־גאַנג פון א שווינדזוכטיגען מוז אויך דעזינפעקצירט ווערען מיט 5 פּראָצענט קאַרבאָליק אסיד. ווייל דאָס איז גראַדע אזוי געפעהרליך און ענטהאַלט אויך באַצילען אזוי וויא דאָס אויסשפּייען.

7טעס קאַפּיטעל.

וויא אַזוי קענען מיר פערהיטען אונזערע שפּייז פון טובערקולאָזע באַצילען?

ווען יעמאַנד איז ניט זיכער, דאָס דיא פליישׁ איז אין גאַנצען ריין פון קראַנקע באַצילען, זאָל מען דיא פלייש גוט אויסקאָכען, ווייל דורך דעם ווערט אין גאַנצען צושטערט דיא געפעהרליכע מיקראָבען. געגען דעם פערקויף פון מילך, וועלכע ענטהאַלט טובערקולאָזען, עקזיסטירען פּראַכטפאָללע געזעטצע אין מאַנכע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען, און זיי ווערען שטרענג דורכגעפיהרט, אין אנדערע שטאַאטען זיינען דיא געזעטצע ניט אזוי גלענצענד, און אין מאַנכע שטאַאטען זיינען נאָך פאָרלויפיג ניטאָ קיין געזעץ געגען דעם.

מען מוז צוגעבען, דאָס פיעלע פאַרמערס און פאַבט-לייטע בעמיהען זיך זעהר פיעל, אום צו פערהיטען זיך און זייערע מיט־מענשען פון דיא געפאהר פון טובערקולאָזיס. זיי לאָזען רעגעלמעסיג אונטערזוכען זייערע קיה, פערניכטען דיא פיה וועלכע זיינען קראַנק, און האַלטען דיא שטאַלען און געשיער אזוי זויבער וויא מעגליך.

ווען מען איז ניט פאָלשטענדיג זיכער, דאָס דיא קוה פון וועלכע דיא מילך איז געמאָלקען, איז גענצליך געזונד און ליידעט קיין שווינדזוכט, דאַן מוז דיא מילך אויפגעקאָכט ווערען, איידער מען געברויכט עס, איבערהויפּט ווען עס איז פיר קינדער. דיא מילך וועלכע מען קויפט פון סטאָרס, אָדער ביי מילך־הענדלער, זאָלען אָהנע צווייפעל געבריהט ווערען אָדער סטערעליזירט ווערען איידער מען געברויכט עס. ווען דיא מילך קאָכט לאַנגזאַם פינף מינוטען צייט דאַן ווערען אלע באַצילען טויט, דאָס הייסט ווען דיא מילך איז הייס א האַלבע שטונדע צייט ביי דיא טעמפּעראַטור פון 70°C אָדער 160°F. עס גיעבט יעצט

בריהען און סטערעליזירען מילך.

אפאראטען צום סטערעליזירען מילך, צו גאנץ בילינע פרייזען. עס איז צו בעקומען ביינאהע אין יעדע אפאטהעקע.

8טעס קאפיטעל.

אויף וואס פיר איין אנדער ארט קענען דיא באצילען און מיקראבען פון שווינדזוכט אריין אין קערפער?

אנשטעקונג דורך שלינע.

אזוי וויא עס איז בעוואוסט, דאס טובערקולאזע באצילען געפינען זיך אין דיא שלינע פון א שווינדזוכטיגען, איז אם בעסטען ניט צו קוססען אזא פערזאן אין מויל. דיא געוואהנהייט צו קוססען הויזליכע טהיערע (קעטצן, הינט, פויגלעך, א. ד. ג.) איז געפעהרליך, ווייל פיעלע פון זיי קענען זיין שווינדזוכטיגע און דורך דעם אנ־טהיילען דיא קראנקהייט צו מענשען.

שווינדזוכטיגע פאציענטען זאלען האבען בעזונדערע גלעזער, לעפעל, נאפעל, א. ז. וו.—ווען ניט, מוז דאס געשיער מיט וועלכע אזא פאציענט האט נענעסען, גוט אויסגעקאכט ווערען.

דער פאציענט זאל אויף קיין פאל ניט ארונטערשלינגען דיא לייכע. דורך דעם וועט ער פערזייטיגען דיא אנשטעקונג פון דעם אינערליכען קערפער.

דיא געפאהר פון ארונטערשלינגען טובערקולאזע שפייעכץ.

וויא וויכטיג דיעזע ווארנונג איז, קען מען זעהען, ווען מען בעטראכט דיא שווינדזוכטיגע משוגעים. דיעזע אונגליקליכע מענשען פיר וועמען דיא היגיענע וויסענשאפט איז איין איבריגע זאך, שלינגען אפטמאל ארונטער דיא שפייעכץ, און אלס רעזולטאט ענטוויקעלט זיך דער שווינדזוכט אין דעם אינערליכען קערפער. יעדער שווינדזוכטיגער פאציענט מוז אין זינען האבען ניט אנצוריהרען שפייז איידער ער האט גוט צוואשען דיא הענד. ווייל ביי דיא גרעסטע פארזיכטיגקייט קען דאך טרעפען, דאס שפייעכץ איז אנגערירט געווארען מיט׳ן האנד.

9טעם קאַפּיטעל.

אויף וואָס פיר איין אַרט קומט פאָר די איינאימפּפונג (אינאָקולייּשאָן) פון טובערקולאָזען?

די איינאימפּפונג פון טובערקולאָזען קען פאָרקומען, ווען מען צוקאַ־ליעטשעט אַ האנד אָדער אַ פינגער בייּ׳ן רייניגען אַ ניקעלנעם, גלעזערנעם, אָדער פאָרצעלייענעם ספּיטון וועלכע איז געברויכט געוואָרען פון אַ שווינדזוכטיגען. ווען דער פערזאָן וואָס רייניגט די ספּיטונס האָט אַ וואונד אויף׳ן האנד אָדער אירגענד־וואו, קענען די באַצילען אריין אין קערפּער. עס איז ראַטהזאַם דאָס די וועלכע רייניגען די ספּיטונס זאָלען טראָגען גומענע האַנדשוה.

די פאָרזיכטיגקייט בייּ׳ן רייניגען ספּיטונס.

צייטענווייז קען דער פּאַציענט אריינעהמען די קראַנקהייט אין די בלוטען, דערמיט וואָס ער זאָל צולייגען איין איינגעשניטענעם פינגער צום מויל, אָדער אָנריהרען מיט אַ פערוואונדעטע האנד זיינע שפּייעכץ.

ערצטע, סטודענטען פון מעדיציניישער און וועטערינאַרער וויסענשאַפט, בוטשאַרעס א. ז. וו. זיינען אימער אין געפאַהר צו ווערען פערוואונדעט מיט אינסטרומענטען וועלכע קענען קומען אין בעריהרונג מיט טובערקולאָזע באַצילען. פאָרזיכטיגקייט איז דער איינציגער מיטעל פיר דיעזע לייטע, אום צו פערהיטען זיך דערפון.

ווען יעמאנד האָט געהאַט דאָס אונגליק זיך צו פערוואונדען און איז אין שרעק פיר טובערקולאָזע איינאימפּפונג, איז אם בעסטען צו לאָזען די בלוט לויפען, גוט וואַשען מיט געקאָכטע וואסער, וועלכע זאָל זיין צומישט מיט פינף פּראָצענט קאַרבאָליק אסיד, אָדער מיט ריינעם אַלקאָהאָל; אַרומבינדען דעם וואונד מיט אַ ריינע טוך איינגעטונקט אין איינע פון די גענאַנטע פליסיג־קייטען, און זיך ווענדען צו אַ דאָקטאָר.

אין פיעלע פעלע פון טאטוען *) איז דיא טובערקולאָזיס איבערגעגאנגען צום צווייטען, דערפאר וייל דער טאַטואיסט, (וועלבער מאָלט אויף׳ן קערפּער) האָט נעהאט שווינדזוכט. דיעזע ארטיסטען האָבען אַ געוואָהנהייט צו מייטען דיא פארבען מיט שפּייעכץ, און דערפון שטעקט מען זיך אָן מיט דיא קראנק־הייט, עס איז דארום פיעל בעסער צו ווייכען פון דיעזע בארבארייטע ציערונג.

איינע וויכטיגע פראגע מיט וועלכע דיא מאָדערנע סאניטארייטע וויסענ־שאפט האָט זיך אָבצוגעבען, איז דיא ריטועלע צערעמאָניע ביי יודען ברית מילה. ווען דער מוהל איז אַ שווינדזוכטיגער, אויך דאַן ווען דער מוהל איז ניט קיין געניטער, פאסירט נאכהער אַ בלוט־שטורין ביין קינד. פיעל קינדער זיינען דורך דעם אומגעקומען. דיא אָפעראַ־ציאָן אַליין איז אַ קלייניגקייט. דיא געפאהר איז ביי׳ן אויסזויגען דיא בלוט. אזוי וויא דאָס געזעין קען זיך ניט אריינמייטען אין רעליגיעזע צערעמאָניעס, און דיא דאָקטוירים הויבען ניט אויף קיין פּראָטעסט דעריבער. וועל איך ראטהען פאָלגענדען מיטעל: אלס מוהלים זאָלען פּראקטיצירען בלויז אַזעלבע וועלבע זיינען געלערנט אין זייער פאך, דאָס זיי זאָלען קענען אָבגעבען עקזאמען פאר אַ מעדיציניישע קאָמיסיע, און דאָס יעדעס מאָל ווען ער דארף געהן צו אַ ברית זאָל ער זיך לאָזען אונטערזוכען פון איין ארצט. בלויז דאַן ווען זיי האָבען אַ בעשטעטיגונג פון איין ארצט, דאָס זיי זיינען פריי פון אירגענד וועלכע אנשטעקענדע קראנקהייט, זאָל מען זיי צולאָזען מאכען דיא רעליגיעזע צערעמאָניע.

ברית מילה.

אַלס נאָך איין זיכערער מיטעל צו פערהיטען דאָס קינד פון אנשטעקונג, איז אויסצווזוינען דאָס בלוט מיט אַ גלעזערנע טרייבעל, וויא עס ווערט פּראַק־טיצירט אין פראנקרייך, דייטשלאנד, און אין מאַנכע פּלעטצער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

*) טאַטוען הייסט מאָלען אויף׳ן קערפּער. דער מאָלער שניידט איין דיא הויט און מאָלט מיט אַזעלכע פארבען וואָס וואַשען זיך ניט אָפּ. פּאַרצייטען, ביי דיא ווילדע פעלקער, איז דאָס געוועזען פון דיא גרעסטע ציערונגען. אויף מאַנכע אינזלען איז אַ מאָדע צו פאַרבען אויף אַזאַ ארט דיא געזיכטער. דיא מאַטראָזען און ביינאַהע אַלע שיף׳ס לייטע מאָלען נאָך יעצט אויף זייער קערפּער דעם נאָמען אָדער דעם צייכען פון זייער שיף, אום, אין פאַל ווען זיי ווערען דערטרונקען, זאָל מען דערקענען ווער זיי זיינען, ווען מען געפינט זיי. אַנדערע לאָזען מאָלען פערשיעדע בלומען און אַנדערע ציערונגען אויף זייערע קערפּער, בלויז פיר אַ ציערונג. — ביי אידען איז דיעזע בארבארישע ציערונג פערבאָטען פון דער תורה. (ויקרא י״ט, כ״ח). דער איבערזעטצער.

10טעס קאַפּיטעל.

וועלכע נאָך פאָרמען פון טובּערקולאָזיס עקזיסטירען, און וואָס איז זייערע סימפּטאָמען ?

אין דיא פריהערדיגע קאַפּיטלאַך האָבען מיר בעהאַנדעלט וועגען באַצילוס טובּערקולאָזיס, וויא אַזוי זיא איז און וויא זיא קומט אַריין אין קערפּער, און אויך דיא סימפּטאָמען פון דיעזע אָפטע קראַנקהייט, — דאָס הייסט לונגען־שווינדזוכט. יעצט וועלען מיר בעהאַנדלען וועגען אַנדערע פאָרמען פון דיעזע קראַנקהייט.

שווינדזוכט אין האַלז.

דיא נעהנסטע פאָרמע צו שווינדזוכט איז Laryngeal tuberculosis וועלכע רופט זיך האַלז טובּערקולאָזיס. דיעזע קראַנקהייט איז ניט אַזוי אָפט וויא לונגען־שווינדזוכט, אָבער מ נכעס מאָל קומען דיא ביידע קראַנקהייטען צוזאַמען. אויסער דיא געוועהנליכע סימפּטאָמען פון לונגען־שווינדזוכט, וויא פיבער, שוויצען ביי נאַכט, ערמאַגערונג, שוועריגקייט צו אַטהמען, הוכטען א. ז. וו., איז אין דיעזען פאַל דאָ נאָך סימפּטאָמען, וויא אַ וויטאָג ביי'ן אַרונטערשלינגען, וואָס דערפון ווערט אונמעגליך צו עסען ברויט, פלייש א. ז. וו. דאָס אויסזעהן אין האַלז איז טובּערקולאָזע געשווילאַכץ און וואונדען אַרום קעהלקאָפּף.

טובּערקולאָזיס אין דיא ביינער.

דיא אויסצעהרונג אין דיא ביינער איז אויך פון דיא קראַנקהייטען וועלכע ברייגגען דיא ערגסטע פאָלגען. דערפון ווערען דיא ביינער ווייך, און מיט דער צייט צערשטערען דיא ביינער אין גאַנצען. אויב דיא קראַנקהייט האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין חוט השדרה און איינער אָדער מעהר פון דיזע ביינער ווערען ווייך און צודרייט. דער רעזולטאַט איז אַ הויקער. אויב דער ווייכער ביין דריקט אויף דיא מאַרך פון חוט השדרה, דאַן ווערען פּאַראַליזירט דיא אַרעמס, דיא פיס, און עס קומט דאצו דאָס מען איז ניט אימשטאַנדע אָפּצוהאַלטען דיא אורין און שטוהלגאַנג.

דיא אויסצעהרונג אין דיא ביינער איז אַם אָנפאַנג גאָר אָהן שמערצען, אָבער שטופענווייז פיהרט עס דאַצו, דאָס מען איז ניט אימשטאַנדע צו

געברויכען דיא קנאָכענס. און ביסלעכווייז ווערען זיי אין גאַנצען צושטערט, זיי ווערען מאַנכעס מאָל אָנגעפילט מיט מאַטעריע, דאַן מוז מען דיא קנאָכענס אויסשניידען פון קערפּער.

ביי יונגע קינדער איז דיא אויסצעהרונג אין דיא געהירען ניט פון דיא זעלטענהייטען, און א יך גאנין אָפּט פון דיא וועלכע פיהרען צו א זיכערען טויט.

דיא אויס־צעהרונג אין דיא הויט פון דיא געהירין.

דיא סימפּטאָמען אם אָנפאַנג צייגט זיך ארויס אַלס צוישטע־רונג פון פערדייאונג, ברעכען, אָדער פערשטאָפּפונג, אונ־בעקוועמליכקייט און מוטהלויז. ווען דיא קראנקהייט ווערט מעהר ענטוויקעלט, דאַן קומט לעהמונגען, קרעמפּפע, און בעוואוסטלאָזינקייט.

שווינדזוכט אין דיא גידערים.

נאָך אָפּטער און גראַדע אזוי געפעהרליך איז דיא שווינדזוכט אין דיא גידערים. דיא סימפּטאָמען אין אזא פאַל איז לויז לייב, וועלכע מען קען ניט איינרעגולירען דורך דיעט אָדער מיט מעדיצין.

מאַנכעס מאָל קלייבען זיך אריין די טובערקולאָזען אין גאנצען קערפּער, דאַן זיינען זיי פול אין אלע אָרגאַנען. דיזע קראַנקהייט רופט מען „מיליארי טובערקולאָזיס״

מיליאר אויסצעהרונג

ווייל דיא טובערקלעס זיינען אזוי וויא „מיללעט סיד״ (millet seeds). די אורזאַכע פון דיא קראַנקהייט איז וואהר־שיינליך, דאָס פון פריהער איז אין קערפּער געווען איינגע־וואָרצעלט דיא שווינדזוכט אין איין פּלאַטץ, אָבער אָהן א ווירקונג, און מיט איין מאָל האָט עס אויסגעבראָכע און זיך פערשפּרייט. דיא סימפּטאָמען דערפון זיינען דיא זעלבע וויא פון טייפאיד־פּיעבער, און פאַנגען זיך אָן מיט מוטהלויז, מיעדיגקייט און פּיעבער. דיעזער סאָרט אויסצעהרונג איז אויך פון דיא וועלכע לאָזען זיך אויס שלעכט.

הויט קראַנקהייט.

ווען דיא טובערקולאָזען קלייבען זיך אריין אין דיא הויט פון געזיכט, דאַן ווערט דיא געזיכט אין וואונדען. דיעזע קראַנקהייט הייסט לופּוס Lupus

שקראָפול ווערט יעצט אויך גערעכענט אלס איינע פון דיא טובערקולאָזע קראַנקהייטען. דאָס ענטוויקעלט זיך אם מייסטענס אין דיא קינדערישע יאָהרען.

שקראָפול.

דיעזע קראַנקהייט איז שוואַכער וויא דיא אנדערע טובער־קולאָזע קראַנקהייטען און צייגט זיך ארויס דאמיט וואָס עס ווערט אָנגעשוואָלען גילען, קרעץ אויף׳ן הויט און ענטצינדונג אין די אויגען און אויערן.

11טעס קאַפּיטעל.

וואָס פערהיט דעם געזונדען מענשען פון אַנשטעקונג מיט טובערקולאָזיס?

נאָך אַלעם דעם וואָס מיר האָבען גערעדט וועגען אַנשטעקונג פון טובער־קולאָזיס, און שווינדזוכט הויפּטזעכליך, דארף מען ניט דיינקען, דאָס אָב־ציהענדיג דעם אָטהעם אין דיא אַטמאָספּערע וועלכע האָט דורך אַ צופאַל באצילען, קענען זיך דיעזע באצילען אריינ׳גנב׳ענען אין אַ געזונדען קערפּער, אָדער טרינקענדיג טובערקולאָזע מילך, אָדער קאַלעטשענדיג אַ האנד אָן אַ צובראָכענעם ספּיטון, א. ז. וו. עס איז ניט קיין פאַקט דאָס דערפון מוז מען בעקומען טובערקולאָזע קראנקהייט, ווייל אין דיא נאָז־לעכער, וויא אויך אין דיא בלוטען און אין מאָגען פון אַ געזונדען פערזאָן געפינען זיך באקטעריישע שטאָף וועלכע צושטערען דיא באצילען איידער זיי קענען טהון שאדען. דארום זאָל דער געזונדער מאן אָדער פרוי ניט צופיעל מורא האָבען פיר טובערקולאָזיס, אָבער זיי דאַרפען אויך ניט זיין נאַכלעסיג, און זיך ניט שטעלען צופיעל אין געפאהר פון אַנשטעקונג.

12טעס קאַפּיטעל.

וויא אַזוי קען מען מיט ערפאָלג בייקומען אַ ערבליכע נייגענשאַפט צו שווינדזוכט?

דיא מוטער וועלכע האָט מורא דאָס איהר צוקונפטיגעס קינד זאָל ניט האָבען קיין ערבליכע שווינדזוכט, מוז פיהרען זעהר אַ רעגעלמעסיגען לעבען.

דיא היגיענע פון אַ שווינדזוכטיגע מוטער.

זיא זאָל זיין וואָס מעהר אויף׳ן פרייען לופט, טיעף אָטהעמען און עסען געוועהנליכע, נאַרהאַפטע שפייזען. זיא זאָל קיין מאָל ניט טראָגען קיין קליידער וועלכע פרעסען איין דיא האַרץ אָדער דיא זייטען. אנשטאט דעם קאָרסעט זאָל זיא טראָגען אַ לויזע וויסט, אין וועלכע זיא זאָל קענען פריי אָטהעמען. עס איז ניט נויטיג אַרומצובינדען דיא סקוירט אַרום קערפּער,

זאָנדערן אויף בענדער איבער דיא שולטערן, אָדער צוגעשפּילעט צום ווייסט. ווען מען זאָל טראָגען אונטערוועש נעט צום לייב, וואָלענע אָדער באַוועלנע, וויא דער סיזאָן פאָדערט, ברויכט מען ניט אַזוי פיעל קליידער, דערמיט פערקלענערט מען דיא וואָג ארום טאַליע. איבערהויפּט דיא קליידער פון דיא מוטער מוז זיין אזוי, דאָס יעדער טהייל פון קערפּער זאָל זיך קענען בעוועגען פריי.

דיא וויכטיגע פראַגע פון געזונדהייט פיר דיא מענשהייט אין קליידען זיך, ווערט פון דיא מוטער אין גאנצען איגנאָרירט, וויא פיר זיך אזוי אויך פיר דיא טעכטער. זיי ווערען שקלאַפען פון דיא מאָדעס. דער פּעסט איינגעשטייפּטער קאָרסעט זאָל אין גאנצען אָבגעשאַפט ווערען פון געברויך ביי פרויען. דער קאָרסעט איז שעדליך ניט נור צום פרייען אטהעמען, זאָנדערן אויך עס שטערט דעם פערדייען דיא שפּייז, און לאָזט ניט צו דיא רעגעלמעסיגע בלוט בעוועגונג אין קערפּער. דיא גרויסע צאָהל מעדכענס וועלכע זיינען אימער בלאַס און בלוט־ארעם זיינען אָפּפער פון דיא שטייפע קליידער.

אום בעסער צו ערקלערען וויא דער קערפּער ווערט פערקריפּעלט דורך דעם קאָרסעט, גיעבען מיר דאָ 3 אילוסטראציאָנען. פיגור 11 צייגט דיא אָרגאַנען פון דיא ברוסט און פון בויך אין א נאָרמאַלע ענטוויקלונג. פיגור 12 צייגט דיא לונגען, דיא האַרץ, און קישקעס, וויא זיי זעהען אויס צוזאַמענגעדריקטערהייט פון שטענדיגען טראָגען אַ קאָרסעט. פיגור 13 צייגט א סקעלעט, וויא דיא ביינער זיינען אויסגעקרימט פון איינשטייפען זיך.



פיגור 11.



פיגור 12.


פיגור 13.

עס איז ניט ראטהזאם פיר מענער צו טראָגען גורטען אנשטאט טראָג־בענדער. אום אויפצוהאלטען דיא הויזען איז נייטיג דעם גורט איינצופעסטיגען, און דאָס שטערט דיא בעוועגונג פון אונטערשטען טהייל קערפער, און עס לאָזט ניט פערדייען דיא שפייז. ברוכע איז אויך מאנכעס מאָל דער רעזולטאט פון איינגען איינשטייפען זיך. עס איז קוים נייטיג צו בעמערקען, דאָס פיר דיא וועלכע זיינען גענייגט צו שווינדזוכט איז אונפערדייאונג דאָס שעדליכסטע. צו האלטען דעם מאָגען אין אָרדנונג איז איינע פון דיא וויכטיגסטע מיטלען, וויא אָבצוהיטען זיך פון ערקראַנקונג.

האַלזטיכער.

האלזטיכערס און קאלערס, פיר מענער און פרויען, מוזען זיין לויז. איין איינגעשטייפטע האלז לאָזט ניט צו גענוג לופט אריינצואטהעמען אין קערפער, דיא מארך ווערען איבערפילט מיט בלוט, און דערפון קומט קאָפּ־שמערצען און א שווינדעל אין קאָפּ. דאמיט וואָס מען וויקעלט ארום דיא האלז צו וואַרעם, איז מען מעהר אין געפאהר צו ערקעלטען זיך, דארום איז בעסער זיך צו געוואָהנען וואָס ווייניגער זיך איינוויקלען און צו קענען פערטראָגען יעדע אטמאָספערע.

קליידער מיט שלעפּעס.

עס איז וויכטיג דיא פרויען זאָלען אויפהערען צו טראָגען קליידער וועלכע זיינען געגען דיא היגיענע. זאָל יעדע פרוי זיין בראוו גענוג צו צייגען, דאָס זיא קימערט זיך פיר דאָס געזונד פון דער מענשהייט. ווען יעדע זאָל בעטראכטען, וויפיעל מיליאָנען באצילען און מיקראָ־אָרגאַניזמס עס ווערען צוזאמענגעקעהרט או אריינגעבראַכט אין הויז מיט דיעזע אוננויטהיגע שלעפּעס, דאן איז ניט נויטהיג צו ארגו־מענטירען און צו בעווייזען וויא שעדליך דאָס איז פיר'ן געזונד.

איינגע שיך.

שיך איז אויך איינע פון דיא וועלכע דארפען צופריעדענשטעלען דיא בעדירפניסע פון מענשליכען קערפער. אויסער דעם וואָס איינגע שיך שטערט דיא בעקוועמליכקייט אין גאנג, פיהרט עס אויך דאצו, דאָס דיא בלוט־רעלסען ווערען צושטערט, און די פיס זיינען אימער קאלט.

ווען א מוטער שפירט זיך דאָס זיא איז גענייגט צו טובערלאָזע קראַנק־הייטען, דאַן זאָל דאָס קינד איבערגעגעבען ווערען צו א נאממע, אָדער ערנעהרט ווערען מיט גוטע מילך. אין אזא פאל קען מען זיך ניט בעגעהן אָהן דעם ראטה פון א דאָקטאָר. דאָס קינד זאָל האָבען א בעזונדערע בעט און זאָל

וויא צו ערנעהרען אַ קינד פון אַ מוטער וואָס האָט טובערקו־לאָזיס.

אויף קיין פאַל ניט שלאָפען אין איין בעט מיט דיא מוטער. דער שלאָף - צימער זאָל אימער ווערען גוט געלופטערט, און מען זאָל דאָס קינד ארויסטראָגען אויף'ן פרייען לופט אזוי שנעל וויא מען געפינט עס פיר פאסענד. דיא אלטע מאָדע איינצוואוויקלען דאָס קינד'ס קאָפּ אין אַ וויל זאָל אבגעשאפט ווערען. עס איז גוט צו לאָזען אַ קינד ארומלויפען נאקעטערהייט אָדער אין אַ דינע העמדעל, אין אַ ווארעמען זומער, וואו עס קומט אריין דיא זונן. אַ ריינער, וויסער פוס - באָדען איז אימער בעסער וויא אַ קארפעט, וואָס קלייבט אין זיך שטויב. אַ קינד פון 10 אָדער 12 מאָנאט קען מען אָנפאנגען צו געוואָהנען צו קאַלטע בעדער.

קאַלטע בעדער.

דיא בעסטע וועג וויא צו געוואָהנען אַ קינד צו קאַלטע בעדער איז: נאכדעם וויא מען מאכט דאָס קינד אַ ווארעמע באָד, זאָל מען איינטונקען דיא האנד אין קאלטע וואסער און אויסרייבען דאָס קינד דיא לייב און דאן טרוקען אויסווישען. דאָס דיעזעס טהוט גוטעס דאָס קינד, קען מען באלד מערקען דורך דעם וואָס דער קערפער ווערט ווארעם און דיא הויט בעקומט אַ רויטליכען פארב. דורך דעם וואָס מען לייגט צו קאַלטע וואסער צום קערפער, ווערט דיא לייב בלאס, וויל דיא בלוט־רעהרען ווערען צוזאמענגעצויגען. דערפון וואָס דיא בלוט קעהרט זיך צוריק אין דיא רעהרען, ווערט דיא הויט רויט. אויב דיא רעאקציאָן קומט ניט, דאַן זאָל מען זיך בעראטהען מיט א׳ן ארצט.

דאָס וואשען מיט קאַלטע וואסער איז זעהר ניטצליך, דאָך דארף מען ניט פערגעסען, דאָס ניט אלע קערפערס זיינען גלייך געבויט געוואָרען, און ניט יעדער קען עס ערטראָגען. דורך פּאָרזיכטיגער געוואָהנהייט צו קאַלטע וואסער, קען מען זיך אָם בעסטען פערהיטען פון ערקעלטונג, וויא פיר קינדער זאָ פיר ערוואקסענע און דארום איז עס ראטהזאם אין אלגעמיין. דיא פערזאָנען וועלכע זיינען ניט צוגעוואָהנט צו קאַלטעס וואסער, קענען זיך צוגעוואָהנען דורך דעם וואס זיי וועלען טעגליך איינרייבען דעם קערפער מיט אלקאָהאָל, אונגעפעהר אַ וואָך צייט. דיא צווייטע וואָך זאָלען זיי מאכען דיא איינרייבונג מיט אַ העלפט אלקאָהאָל און אַ העלפט וואסער, דיא דריטע וואָך מיט ריינעם וואסער.

אויף אזא ארט קען מען זיך שטופענווייז צוגעוואָהנען צו קאלטע איינרייבונגען, אָדער צו א קאלטען שפריצער.

ניט יעדע פאמיליע האָט אין הויז דעם לוקסוס פון א שפריצער. פיעלע נייטיגען זיך זאָגאר אין א באדע־צימער. פיר אזעלכע וויל איך פאָרשרייבען א געוועהנליכע מעטהאָדע, וואָס וועט זיין גראדע אזוי גוט. אין א וואנע וואָס האלט 10 אינטשעס הויך זאָל מען אָנגיכען וואסער 5 אינטשעס הויך, דאן אריינשפרינגען אין וואנע און בעוועגען מיט די פיס איינינע מינוטען, נאכהער ארויפגיסען א פאָר שאָוועלס וואסער אויף יעדען שולטער. עס איז בעקוועמער דאָס די שאָוועלס וואסער זאָל געגאָסען ווערען פון א צווייטען. עס איז ניט נויטהיג איינצונעטצען די קאָפ. ווען מען קען צוטשעפען א פייפ איז לייכט צו מאכען א שפריץ־באָד. די טעמפעראטור פון די וואסער קען זיין פון 40° ביז F60°. דער צימער אין וועלכען מען נעהמט די באָד זאָל אין א קאלטען וועטער זיין געווארעמט. די בעסטע און בעקוועמסטע צייט ווען צו נעהמען א קאלטע באָד איז אין דער פריה, אָדער אבענדס, פאר׳ן שלאָף. אויב מען פיהלט ניט אנגענעהם און דער קערפער ווערט ניט ווארעם, זאָל מען טהון פאָלגענדעס: ווען מען נעהמט די קאלטע באָד דאָס מאָרגענס, זאָל מען אויפשטעהען מיט א האלבע שטונדע פריהער און צודעקען די בעט, אום עס זאָל פערבלייבען ווארעם, און נאכדעם וויא מען האָט גענומען די באָד זאָל מען גוט אויסרייבען דעם קערפער טיט א ווייכען טירקישען האנטוך און זאָ שנעל וויא מעגליך אריין אין בעט. ווען עס איז פיר יעמאנדען ניט בעקוועם צו נעהמען א באָד דאָס מאָרגענס, קען מען דאָס זעלבע טהון אבענדס. מען זאָל געהן צו בעט מיט א האלבע שטונדע פריהער, און ווען די בעט איז איינגעווארעמט זאָל מען אויפשטעהען און נעהמען א באָד. אין פיעלע פעלע וועט דאָס לייגען זיך צוריק אין בעט ברייננגען די רעאקציאָן, דאָס הייסט, דאָס אנגענעהמע ווארעמקייט אין קערפער. ווען דיעזער מיטעל העלפט ניט, איז עס א בעווייז, דאָס דער קערפער קען ניט ערטראָגען אזא בעהאנדלונג, און מען זאָל זיך בעראטהען מיט א׳ן ארצט.

אין ווארעמע וועטערן איז ראטהזאם זיך צו באָדען אין טייך, אָדער אין ים. שוואכע און עלטערע מענשען זאָלען אויף קיין פאל ניט נעהמען קיין קאלטע בעדער, זאָגאר אין די ווארעמע וועטערן, סיידען עס איז זיי ערלויבט פון א׳ן ארצט.

צו האַלטען דיא הויט ריין און אין אַ גוטע קאָנדיציאָן איז ניט גענוג דיא בעדער, זאנאר ווען מען נעהמט יעדען טאָג. דאצו איז נייטיג צו געברויכען

וואַרעמע בעדער.

זייף און וואַרעמע וואַסער. וויינינגסטענס איין מאָל אַ וואָך. נאָך אַ וואַרעמע באָד זאָל מען זיך גוט אויסרייבען דעם קערפּער מיט אַ שוואָם איינגעטונקט אין קאַלטע וואַסער.

אזוי שנעל וויא דער פערשטאַנד פון קינד וועט בעגרייפען זאָל מען איהם לערנען טיעף אַטהעמען, אויף אזא אַרט. דאָס דער יונגע אָדער דאָס מעדכען זאָל עס ליעב האָבען וויא אַלגעמיינע גימנאַסטיק. זיך שטעלען ביי איין אָפענעם פענסטער, אָדער אין דרויסען, אין אַ מיליטערישע פּאָזיציאָן, דיא קנאַפּלען ביינאַנד, דעם קערפּער אויסגעגלייכט, דיא הענד ביי דיא זייטען, מיט אַ צונעמאַכטע מויל טיעף איינאַטהעמען, (אריינציהען אזוי פיעל לופט וויא מעגליך)



אַטהעם־איבונגען מיט בעוועגונג פון דיא אַרמס.

פיגור 14.—דיא ערשטע און צווייטע איבונג.

און אזוי טהוענדיג אויפהויבען דיא הענד אין אַ האָריזאָנטאלע פּאָזיציאָן; האלטען אזוי דעם אָטהעם דריי סעקונדען און ווען מען לאָזט ארויס דעם אָטהעם זאָל מען דיא הענד ארונטערלאָזען אין דיא פריהעריגע פּאָזיציאָן. ארויסלאָזען דעם אָטהעם זאָל מען אביסעל שנעלער וויא ארייִנציהען.

פיגור 15.—דריטע איינאַטהעמונג־איבונג.

ווען ד״א ערשטע איבונג איז אין גאנצען פערשטענדליך ביי דעם קינד און עס איז פראקטיצירט געוואָרען איניגע טעג, קען מען אָנפאנגען צו ערקלערען דיא צווייטע איבונג, וועלכע איז אויך אזוי וויא דיא ערשטע, בלויז מיט דעם אונטערשיעד, דאָס מען הויבט אויף דיא הענד אזוי הויך, דאָס זיי קומען זיך צוזאמען איבערן קאָפּ. אין בילד נומער 14 ציינט מען דיא פּאָזיציאָנען פון דיא ערשטע און צווייטע איבונגען.

דיא דריטע אטהעם - איבונג, וועלכע פאָדערט מעהר קרעפטען און געדולד, זאָל מען ניט אָנפאננען בע־פאָר דיא ערשטע צוויי איבונגען זיינען ניט פראקטיצירט געוואָרען איינינע מאָל טעגליך, איינינע וואָכען נאָך דיא רייהע, און נאָך דעם וויא עס ציינט זיך ארויס אַ פערבעסערונג אין אַטהעמען און אין אַלגעמיינער געזונדהייט. דיא דריטע איבונג וועלכע מיר ציינען אין פיגור 15 קען מען אָנרופען אַ טרוקענער שווים, אָדער שווימען אין דער לופטען. מען זאָל זיך שטעלען אין דיא זעלבע מיליטערישע פּאָזיציאָן, אויסשטרעקען דיא הענד אזוי וויא ביי׳ן שווימען, דאָסביידע פלעכע זאָלען זיך צוזאמענקומען. איינציהענדיג דעם אָטהעם זאָל מען דיא הענד בעוועגען אויף אהינטער ביז זיי בעגעגענען זיך הינטערן קערפּער. אין אזא פּאָזיציאָן זאָל מען בלייבען איינינע סעקונדען און האלטען דעם אָטהעם

אין זיך, און ארויסלאָזענדיג דעם אָטהעם ברייננגען דיא הענד ווידער פאָרויס. דיעזע שווערע בעוועגונג קען פערלייכטערט ווערען, ווען מען זאָל זיך שטעלען אויף דיא קנאָכלען איינציהענדיג דעם אָטהעם.

עס איז פערשטענדליך, דאָס דיא בעוועגונג מיט דיא ארעמס אויף׳ן פרייען לופט ציהט אויף זיך דיא אויפמערקזאמקייט, אום דאָס אויסצומיידען,

אַטהעם איבונג אָהנע צו בעוועגען דיא אַרמס.

זאָל מען אויפהייבען דיא שולטערן, און אויסבייגען אהינטער, בלייבען אין דיעזע פאָזיציאָן איינינגע סעקונדען, איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם, דאַן ארויסאטהעמען, אָפּלאָזענדיג צוריק דיא שולטערן. דיעזע איבונגען, וויא עס איז בעוויעזען אין פיגור 16, קען מען לייכט מאכען געהענדיג, זיצענדיג אָדער פאָהרענדיג אויף׳ן פרייען לופט.



פיגור 16.—איבונגען בעוועגענדיג דיא שולטערן.

פיגור 17.—איבונגען פיר דיא וועלכע האָבען אַ געוואָהנהייט צו געהן איינגעבויגען.

יונגע מערבענס און קנאָבען, איבערהויפּט דיא וועלכע האָבען אַ נייגונג צו שווינדזוכט, האָבען אַ געוואָהנהייט צו נעהן איינגעבויגען. דיעזע געוואָהנהייט צו בעזייטיגען, רעקאָמענדירען מיר דיא פאָלגענדע איבונגען. (פיגור 17) דאָס קינד גלייכט זיך אויס וויא נור מעגליך, ליינט אוועק דיא הענד אין דיא זייטען, בייגט זיך אויס אויף הינטער וויא ווייט ער קען, איינציהענדיג דעם אָטהעם. ער בלייבט אין דיעזע פּאָזיציאָן איינינע סעקונדען, האַלטענדיג דעם אָטהעם אין זיך, דאַן ווידער אויסגלייכען זיך, אביסעל שנעלער, ארויסלאָזענדיג דעם אָטהעם.

אַלגעמיינע רעגעלען וועגען אַטהעם־איבונג.

דיא פאָלגענדע רעגעלען וועגען אטהעם־איבונגען זאָל מען אימער אין זינען האָבען. מען זאָל אָנפאַנגען פון דיא לייכטערע איבונגען (פיגור 14 און 16). מען זאָל ניט אָנפאַנגען מיט דיא שווערערע (פיגור 15 און 17), ביז מען איז גוט איינגעאיבט מיט דיא ערשטע. פון 6 ביז 9 טיעפע איינאַטהמונגען יעדע האַלבע שטונדע. מען זאָל דיעזע איבונגען אַזוי לאַנג פּראַקטיצירען ביז דיא טיעפע אַטהעמונג ווערט אַ געוואָהנהייט. דיעזע איבונגען זאָלען געמאַכט ווערען אין איין אַטמאָספערע וועלכע איז פריש און ריין פון שטויב. מען זאָל קיין מאָל ניט אָנפאַנגען דיא איבונגען ווען מען איז מיעד. מען זאָל קיין מאָל ניט מאַכען דיא איבונגען אַזוי לאַנג ביז מען זאָל ווערען מיעד.

דאָס אַטהעמען מיט׳ן מויל, ביי קינדער, אָדער מאַנכעס מאָל ביי ערוואַקסענע, איז פעראורזאַכט דורך דעם, דאָס אין האַלז אָדער אין נאָז איז אַנגעוואַקסען, דורך וועלכע עס שטערט דעם אָטהעם. דאָס בעזייטיגען קען מען נור דורך כירורגישע הילפע. דיעזע אָפּעראַציאָן איז גאָר ניט געפעהרליך, אָבער דיא געוויקסע שאַדען צום הערצען און צום אַלגעמיינעם ענטוויקלונג פון קינד׳ס קערפּער. עס איז ראַטהזאַם צייטליך צו בעזייטיגען דיעזע געוויקסע. דיא אַטהעם־איבונגען וועלכע מיר האָבען דאָ בעשריעבען זיינען בעזאָנדערס גוט פיר אַזעלכע קינדער וועלכע האָבען געהאַט אַזאַ אָפּעראַציאָן, זאָנסט קענען זיי פערבלייבען ביי דער געוואָהנהייט פון אונרעגעלמעסיגען אַטהעמען.

פיר איבונגען מיט דער אַבזיכט צו ענטוויקלען דיא לונגען און האַלז, ראַטהען מיר זינגען און דעקלאַמירען אין פרייען לופט.

ניט נור ביי טאָג, זאָנדערן אויך ביי נאכט זאָל מען האָבען אַ וואונש פיר פרישע לופט. דיא זאַגע דאָס ביינאַכטינע לופט איז שעדליך, איז פאַלש.

פרישע לופט ביי נאַכט.

ביינאַכטיגע לופט איז רייגער וויא ביי טאָג. בעזאָנדערס אין גרויסע שטעדט, דאַרום זאָל מען אימער האַלטען אָפען ווייגינסטענס איין פענסטער אין שלאָף־צימער, אָדער אין דעם נעקסטען צימער, און דאביי רייניגען דיא לופט; נאַטירליך מען מוז זיך היטען פון אַ דירעקטען צוקווינד פון אַ'ן אָפענעם פענסטער. אויב עס איז ניט מעגליך צו שטעלען דיא בעט, עס זאָל ניט אויסקומען אַנטקעגען פענסטער. זאָל מען שטעלען אַ פאַראַוואַן צווישען אָפענעם פענסטער און בעט.

עס איז זעלבסט פערשטענדליך, דאָס דיא פערזאָנען וועלכע האָבען דורך ערבשאַפט איין נייגונג צו שווינדזוכט, זאָלען אימער זוכען צו זיין אין פרייען און נוטען לופט. צו בעזוכען טאַנץ־האָללען, סאַלאָנען און רויך צימערן איז שעדליך פיר אַזעלכע פערזאָנען. דאָס רויכען זאָל פאָזיטיוו פערבאָטען ווערען צו יונגע לייט וועלכע האָבען שוואַכע הערצער, און פיר אַלע וועלכע האָבען אַ נייגונג צו שווינדזוכט. דאָס רויכען פון סיגארעטען איז איבערהויפט געפעהרליך פיר אזעלכע וועלכע האָבען זיך צוגעוואָהנט דאצו, אויף אַזוי ווייט דאָס עס פאַנגט שוין אָן צו רואינירען זאָגאַר אַ געזונדע סיסטעם.

פיגור 18.—אַפּאַראַט צו מאַכען פייכט דיא לופט.

פיעלע פון אונזערע אַמעריקאַנער וואָהנונגען ווערען בעהייצט אַם ווינ־טער צופיעל. עס איז פאָלשטענדיג גענוג צו האַלטען דיא טעמפּע־ראַטור אין הויז פון 65° ביז F68°. מען מוז אָבער בעאָבאַכטען דאָס דיא וואַרעמקייט זאָל ניט זיין צו טרוקען. דיא צו טרוקענע אַטמאָס־פערע אין דיא הייזער אַם ווינטער פעראורזאכט אַ קאַטאַר אין נאָז. דאָס

דאַרף יעדער איינער אויסוויכען. בעזאָנדערס דיא וועלכע ליידען אויף דיא לונגען. אויף׳ן איווען זאָל מען האַלטען אַ קעסעל וואַסער. אויסער דעם, איז גוט צו האָבען אין שלאָף־צימער, און אין צימער וואו מען איז אַם מייסטען, איין אַפּאַראַט וואָס גיט אַרויס פייכטקייט (וויא עס צייגט אין פיגור 18), ווען מען זאָל אויף׳ן טאָפּ אַרויפלייגען אַ טוך, וועלכע זאָל אַנריהרען דיא וואַסער, וועט עס געבען גענוג פייכטקייט פיר׳ן צימער.

וויא צו ערציהען קינדער וועלכע האָבען אַ נייגונג צו שווינדזוכט

דיא ריכטיגע וועג וויא צו ערציהען קינדער, וועלכע האָבען אַ נייגונג צו בעקומען שווינזוכט, איז פון דיא וויכטיגסטע. פיעלע עסען וויניג פון געבאָרענ־שאַפט אָן. מען מוז פיהרען אַ שטרענגע דיסציפּלין. מען זאָל ניט ערלויבען קינדער צו עסען פיעל זיסע זאַכען. זיי זאָלען אימער צו דער צייט זיין ביי׳ן רעגעלען מאָהלצייט, האַלטען דעם מאָגען אין גוטען אָרדענונג, דאָס וועט ניט פערטרייבען דעם אַפּעטיט. פון קינדוויים אויף זאָל מען זיי לערנען, דאָס זיי זאָלען גוט אויסוואַשען דיא ציינער נאָך יעדען עסען, ווייל גוטע פערדייאונג איז אַבהייננגיג פון גוטע ציינער. דאָס שפּיעלען זיך אין דרויסען, וואָס דיא קינדער וועלכע זיינען געניינגט צו שווינדזוכט האָבען ניט ליעב, קען מען זיי אויך צוגע־וואָהנען דורך דיסציפּלין. אָנצוטהאָן קינדער צו וואַרעם, איז גראַדע אַזוי ניט גוט וויא צו האַלטען זיי שטענדיג אין הויז. אַזעלכע קינדער דאַרפען ניט אַרבייטען צו שווער אין דיא יאָהרען וואָס זיי געהען אין שוהלע. דאָס זיצען פיעלע שטונדען אויף איין אָרט, דאָס טהון פיעל אַרבייט מיט׳ן קאָפּ, צו פער־ברייננגען אַ לייננערע צייט ביי דער פּיאַנאָ, אָדער ביי אַנדערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, שוואַכט אָפּ אַזעלכע קינדער.

גימנאַסטישע איבונגען איז ראַטהזאַם פיר קינדער פון ביידע געשלעכטע. יונגע מעדכענס זאָלען פאָרטזעטצען זייערע איבונגען און ספּאָרט אויף׳ן פרייען לופט, נאָכדעם וויא זיי פערלאָזען דיא שולע. עס איז פערשטענדליך דאָס צופיעל איז שעדליך אין יעדע בעציהונג, און וויא עס זאָל ניט זיין געזונד דיא בעוועגונג אויף׳ן פרייען לופט, איז עס דאָך שעדליך, ווען מען בעוועגט זיך מיט צופיעל קראַפט און אַ צו לאַנגע צייט. צו זיין דרייסט, פיהרען אַ רעגעלמע־סיגען לעבען, עסען געוועהנליכע, אָבער גוטע שפּייז, ווייכען פון אַלקאָהאָלישע

נעטרענקע, זעהן דאָס דער מאָגען זאָל זיך אָבריינינגען יעדען טאָג, האַלטען דעם קערפּער ריין און שלאָפען אכט שטונדען אין מעת־לעת, איז דאָס בעסטע אום זיך אויפצוהאַלטען פאָלשטענדיג געזונד.

מיר ווילען נאָך איין מאָל מאַכען אויפמערקזאַם אויף דיא קליידער פון ערוואַקסענע מעדבענס און יונגען. דיא דיקקייט פון דיא קליידער זאָלען זיין נאָך׳ן סיזאָן, און זאָלען זיין געמאַכט אזוי, דאָס יעדער טהייל פון קערפּער זאָל זיך קענען פריי בעוועגען, און עס זאָל ניט הינדערן דעם אָטהעם און פערדייאונג.

ווען עס קומט דיא צייט פיר א יונגען מאַן וואָס איז גענייגט צו שווינד־זוכט זיך אויסצוקלייבען א פּראָפעסיאָן אָדער א בעשעפטיגונג, זאָל מען האָבען אין זינען, דאָס גערטנערייא, לאַנד־ארבייט, און פעלד־אַרבייט און איבערהויפּט א בעשעפטיגונג אויף׳ן פרייען לופט איז אַם בעסטען צו קרעפטיגען און מאַכען איהם א ניטצליכען מיטגליעד אין דער געזעלשאַפט.

אין בעצוג צו דיא פאָרזיכטיגקייט וועגען אנשטעקונג פון שווינדזוכט, מוזען מיר זאָגען איינינע ווערטער וועגען דיא היילבארקייט פון לונגען־שווינד־

ערבליכע שווינדזוכט איז אַזוי היילבאַר וויא געקראָגענע שווינדזוכט.

זוכט. דיא אַלטע אידעע, וועלכע איז אזוי איינגעוואָרצעלט ביי פיעלע מענשען, דאָס א שווינדזוכטיגע פערזאָן וועלכע האָט געערבט דיא נייגונגשאַפט צו דיעזע קראנקהייט, קען ניט האָבען קיין האָפנונג געזונד צו ווערען, איז פאַלש. מיר בעהויפּטען אלס א פאַקט, אז עס איז גראדע אזוי מעגליך אויסצוהיילען א שווינדזוכטיגען וועלכער האָט געערבט דיא קראנקהייט, וויא דעם וואָס האָט דיא קראנקהייט נעקראָגען דורך א צופאַל. אין הונדערטע פעלע זיינען מענער און פרויען געהיילט געוואָרען פון טובערקולאָזיס אָן האָבען נאַכהער דערלעבט דיא עלטערע יאָהרען, אָבוואָהל זייערע עלטערן זיינען געווען שווינדזוכטיגע.

דיא בעהויפּטונג דאָס שווינדזוכט געהט איבער דירעקט פון דיא עלטערן צו דיא קינדער, איז גראדע אזוי ניט ריכטיג. אין דיא מעדיצינישע ליטעראַטור

ערבליכע איבערגאַנג.

געפינט מען זאָגאר איינינע פעלע, וואו דיא קראנקהייט איז דירעקט איבערגעגאַנגען, אָבער דיעזע פעלע זיינען זעהר זעלטען. ווען קליינע קינדער בעקומען טובערקולאָזיס, קען דאָס קומען דערפון וואָס דאָס קינד האָט געשלאָפען מיט א שווינדזוכטיגען

מוטער, אָדער איז געקומען אין בעריהרונג, אָדער געקוסט: אין מויל פון אנדערע שווינדזוכטיגע פערזאָנען, אָדער שפּילענדיג זיך אויף א שמוטציגען פוס־באָדען. דאָס אלעס בעווייזט וויא וויכטיג עס איז דיא ריינקייט און היגיענישע אויפּפּאַ־סונג ביי ערציהונג פון קינדער.

13טעס קאַפּיטעל.

אויף וואָס פיר איין אַרט ווערט ענטוויקעלט טובערקולאָזיס, אויסער דורך ערבשאַפט?

1. דורך צופיעל געברויך פון אַלקאָהאָלישע געטרענקע, א אונרעגעל־מעסיגען לעבען, און אַנדערע שוועכע.

2. דורך מאַנכע קראנקהייטען וועלכע שוואַכען אָפּ דעם אָרגאַניזם צום ביישפּיעל: לונגען־ענטצינדונג, טיפוס־פיבער, פּאָקען מאָזגען, קייך־הוסט, סיפילים, אינפלוענצא, און ז. וו.

3. דורך מאַנכע בעשעפטיגונג, ארבייט און פּראָפעסיאָן, צום ביישפּיעל: שריפט־זעטצעריי, הוט־ארבייט, שניידעריי, וועבונג, און אנדערע זאָרטען בעשעפטיגונג וואו דער ארבייטער מוז אריינאַטהעמען שטויב, וויא בעקער, מילנער, קאָנדיטעריי, ציגאַרען־מאַכער, קוימען־קעהרער, און דיא וואָס ארבייטען ביי בליי, שטיין, מעטאַל, און ז. וו.

14טעס קאַפּיטעל.

וויא קען מען אַם בעסטען בעזייטיגען דיא ענטוויקעלטע נייגונג צו שווינדזוכט, און וויא קען מען מאַכען געפאַהר־לאָז דיא שעדליכע בעשעפטיגונג?

אַלע פערזאָנען וועלכע זיינען אָבגעשוואַכט דורך שכרות, אָדער פון אנדערע שוועכע, פון א שווערע קראנקהייט, אָדער דיא וואָס ליידען פון א שעדליכע

בעשעפטיגונג זאָלען ניט צוזאמענקומען מיט שווינדזוכטיגע.—פיר שטענדיגע נעברויכער פון שנאפס, אָדער פיר דיא וואָס פיהרען ניט קיין רעגעלמעסיגען לעבען, איז ניטאָ קיין הילפע, סיידען זיי בייטען איבער זייער ארט לעבען. דיא אונגליקליכע וועלכע זיינען דורך זייער אייגענע שולד, אָדער דורך דיא שולד פון אנדערע, געפאלען אַלס אָפּפער פון ווענערישע קראנקהייט (סיפילים און ז. וו.), ראטהען מיר זאָפּאָרט זיך צו ווענדען פיר בעהאנדלונג צו א קאָמפּעטענטען ארצט. דיא ליידענדע פון ווענערישע קראנקהייטען קענען האָפען אויף פאָל־שטענדיגע היילונג, ווען זיי ווענדען זיך צו דער צייט נאָך מעדיצינישע הילפע און פאָלגען אַלעס וואָס דער ארצט פעראָרדענט זיי, און וויייל ווענערישע קראנקהייטען זיינען זעהר אנשטעקענד, וועט דורך דעם ארצט'ס אינסטרוקציאָ־נען פערהיט ווערען, דאָס אנדערע זאָלען זיך ניט אָננעהמען דיעזע קראנקהייט. עס איז נויטהיג דאָס דיא אַלע, וועלכע האָבען דורך שטענדיגען געברויך פון אַלקאָהאָל, אָדער דורך אַנדערע שוועכע, אָבגעשוואכט זייער אָרגאַניזם, זאָלען זיך ווענדען צו מעדיצינישע הילפע, וויייל זייער אָרגאַניזם קען ניט בייקומען דיא טובערקולאָזע באַצילען.

אין פיעלע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען עקסיסטירען סאַניטאַרע געזעצע פיר פאַבריקען, ווערקהייזער, גרויסע מאַגאַזינען און ז. וו. געוועהנליך קענען דיעזע געזעצע פיעל אויסגעבעסערט ווערען אין בעצוג פון לופט און ליכט. וויא ווייט מעגליך דאַרף מען זעהען צו בעזייטיגען דעם שטויב. וואו עס פאָדערט דאַרף געטראָגען ווערען פערזיבערונגס־מאַסקען, וועלכע פערהיטען פון אריינאַטהעמען פיעל שטויב. לייטע וועלכע ארבייטען אין פלעצער וואו עס איז דאָ פיעל שטויב פון מעהל, זאָלען נאָך דער ארבייט גוט אויסוואַשען דיא ציינער.

אין אַלע בעציעהונגען קען דער אַרבייטער זעלבסט זיך פיעל פערהיטען, דאָס זיין שעדליכע פּראָפעסיאָן זאָל איהם ניט שאדען. פאַר דער ארבייט און נאָך דער ארבייט זאָל ער זעהן וואָס מעהר צו זיין אויף'ן פרייען לופט, טרינקען ריינע וואסער, אויפשטעהען פריה, פיהרען א רעגעלמעסיגען לעבען, אויסמיידען שיינק־הייזער, און קיין מאָל ניט געברויכען קיין אלקאָהאָלישע געטרענקע.

אַלע אנדערע פאָרזיכטיגקייטען און פערבעסערונגס־מיטלען פיר דעם געזונד, וויא מיר האָבען געשפּראָכען אין קאפּיטעל 12, „וויא אזוי קען מען ערפאָלגרייך בעזייטיגען דיא ערבליכע נייגונג צו שווינדזוכט," צום ביי־

שפּיעל אַטהעם־איבונגען, דעם געברויך פון קאַלטע וואַסער, און ז. וו., זיינען אויך גוטע מיטלען וויא צו בעזייטיגען דיא נייגענשאַפט צו שווינדזוכט, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט.

15טעס קאַפּיטעל.

מיט וואָס קענען העלפען רעכט־דיינקענדע אַרבייטס - געבער (אין שטעדט און דערפער) העלפען דיא בעקעמ־פפונג פון שווינדזוכט ?

אַלע וועלכע בעשעפטיגען אַ׳ן אַנצאַהל ארבייטער, און פערשאַפען זיי מיט וואָהנונגען, זאָלען האָבען אין זינען דאָס דונקעלע דעמפּפע. און שלעכט געלופטערטע צימערען, זיינען דיא געפעהרליכסטע צום פער־שפּרייטונג פון טובערקולאָזיס. דער גרונד אויף וועלכען וואָהנונגען דאַרפען געבויט ווערען, מוז זיין אַ טרוקענער, ריין פון זומפּ און בלאָטעס. אויף אַ הויכען זאַמד איז אַם בעסטען צו בויען וואָה־נונגען. מען קען מאַנכע מאָל אַ פייכטען גרונד דורך צעמענט און אַנדערע מיטלען מאַכען אונשעדליך. דיא הויז זאָל אימער געבויט ווערען פון גוטע טרוקענע מאַטעריאַלען און אַלע צימערן זאָלען ביי טאָג האָבען דעם שיין פון דיא זונן אַזוי פיעל וויא מעגליך. אין ווינטער זאָלען דיא צימערן געוואַרעמט ווערען, אָבער ניט צופיעל, און צו דער זעלבער צייט זאָל אויך געלופטערט ווערען. באַדע־צימערען זאָלען געמאַכט ווערען אין אַלע טענעמענט־הייזער. דיא וואָטער־קלאָזעטען זאָל זיין פיר יעדע פאַמיליע בעזונדער, און זאָלען ריין אויפ־געהאַלטען ווערען.

סאַניטאַרע וואָהנונגען.

אין ארבייטס־קאָלאָניעס און איינג־בעזעסענע געגענדען, וואו דיא מאָדערנע באַדע־איינריכטונגען אין דיא וואָהנונגען איז נאָך ניט איינגעריכטעט, זאָל זיין קהל׳שע פּלעטצער, וואו דאָס פאָלק זאָל קענען האָבען דעם פערגעניגען פון קאַלטע און וואַרעמע בעדער, צו אַ ביליגען פּרייז.

בעדער.

אין פאַבריקען, ווערק־הייזער און גרויסע מאַגאַזינען זאָל אימער זיין א גענינענדער אַנצאהל פון ספּיטונס. אַם בעסטען הויבע און אַזעלכע וועלכע ברעכען זיך ניט. וואו דיעזעס איז איינגעפיהרט, און אַנגעקלעפּט אַנאָנסען דאָס עס איז פערבאָטען צו שפּייען אויף'ן פוס־באָדען, און ווען נויטיג אונטער א שטראָפע וועט דאָס שפּייען אויף'ן פוס־באָדען אין א קורצע צייט אויפגע־הערט ווערען, און דאמיט וועט שוין זיין פיעלעס אויפגעטהון אין בעקעמ־פפענדינג דער טובערקולאָזיס.

אלע קלאַסען ארבייטער, מענער אָדער פרויען, זאָל מען ערלויבען א גענינענדע צייט צום עססען. מען זאָל אויף קיין פאל ניט עסען אין דיא ווערק־הייזער. דאצו זאָל זיין א ספּעציעלער צימער. מען זאָל געבען דיא ארבייטער א געלעגענהייט זיך דורכצוגעהן א ווייל נאָך'ן עסען. עס איז אויך וויכטיג פיר דאָס געזונד פון דעם ארבייטער, דאָס ער זאָל גוט צו־וואַשען דיא הענד איידער ער ריהרט אָן דיא שפּייז. דיא נויטיגע איינריכטונג דאצו זאָל פערשאַפט ווערען.

רייניגע מאָהלצייטען.

פאַבריקען, ווערקהייזער, גרויסע מאַגאַזינען און ז. וו., זאָלען ניט געלופ־טערט ווערען, איבערהויפּט נאָך דיא ארבייטס־שטונדען. דיעזע מאַסרעגעל איז ניט נור פיר גרויסע פירמען, זאָנדערן אויך פיר דיא וועלכע בעשעפטיגען איינעם אָדער צוויי ארבייטער. יעדער ארבייטס־געבער דאַרף אין זינען האָבען, דאָס געזונדע ארבייטער לוינט זיך פיר איהם בעסער וויא אויסגעהאָרעוועטע, פער־הונגערטע און פערצעהרטע פון שלעכטע לופט. עס זאָל זיין איינגעפיהרט רעגעלע שטונדען פיר אלעמען, זאָ דאָס דער ארבייטער זאָל אויך האָבען צייט צו רוהען און פיר גייסטיגע פערגעניגען, דורך וועלכע דאָס געזונד ווערט אויפ־געהאַלטען. דיא מיקראָבען פון קראַנקהייט, בעזאָנדערס פון טובערקולאָזיס, וועלען זיך אימער שנעלער איינוואָרצלען אין איין אויסגעאַרבייטען און אויסגע־הונגערטען קערפּער.

דיא בעשעפטיגונג פון קינדער אונטער 14 יאָהר, אין **דיא פאַבריקען**, ווערקהייזער, מיינס, און ז. וו., זאָל פערבאָטען ווערען דורך געזעטץ. ביי קינדער קענען זיך שנעלער ענטוויקלען טובערקולאָזיס וויא ביי ערוואַקסענע, בעזאָנדערס ווען זיין יונגער אָרגאַניזם איז איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך פון פיזישע אַרבייט.

16טעס קאַפּיטעל.

וואָס קען דער פאַרמער און פאַבט-מאַן טהון, צו פערקלענערן דיא צאָהל פון טובערקולאָזע קראַנקהייט צווישען טהיערע, און דאַמיט אינדירעקט פערהיטען דיא פערשפּרייטונג צווישען דער מענשהייט?

דער פארמער און פאבט־מאן, וועלבער דינגט הילפע, זאָל אויך זאָרגען דאפיר דאָס זיינע ארבייטער זאָלען האָבען א גוטען וואָהנונג און גוט צו עסען. דער פאבט־מאן און פארמער וואָס האַלטען קיה, זאָלען שטרעבען צו בעקעמפפען טובערקולאָזים צווישען טהיערע.

יעדער וואָס נעהט אַרום קיה דארף זיין בעקאנט מיט דעם ארט טובער־קולאָזים ביי טהיערע, וועלבע איז אויך בעקאנט אונטער דעם נאָמען "bovine tuberculosis". ביי טהיערע ענטשטעהט דיא קראנקהייט גראדע וויא ביי מענשען דורך טובערקולאָזע באצילען. באָוויין טובערקולאָזים איז פער־שפרייט אין אַלע לענדער. דיא סימפּטאָמען פון דיא קראנקהייט איז גראדע וויא ביי מענשען. זיי פאנגען זיך אָן מיט לייכטע צושטערונגען. וויא אזוי טובערקולאָזים נעהט איבער פון טהיערע צו מענשען און פון מענשען צו טהיערע איז שוין ערקלעהרט געוואָרען. דיא אנשטעקונג און פערשפרייטונג פון דיעזע קראנקהייט צווישען טהיערע זיינען פערשיעדען: ערשטענס, דורך קליינע שטיקלעך שפייעכץ וואָס ווערט ארויסגעשפּייט מיט א טרוקענעם הוסט. צווייטענס, דורך אויסגעשפייטע פון דיא לונגען אויף א געוועהנליכען ארט. דריטענס, דורך טובערקולאָזע שטאָף וועלבע קומט ארויס פון מאָגען. פיערטענס, דורך דעם אויספלוס פון געשלעכטס־אָרגאנען. פינפטענס, דורך דיא מילך, אויב דער אייטער, אָדער דער גאנצער קערפער, איז אָנגעגריפען פון

דיא קראנקהייט. לעצטענס, קען דיא טובערקולאזיס איבערגעהן פון דיא קוה צו דיא קאלב.

וועגען דעם וויא אָפט דיא פערשיעדענארטיגע אנשטעקונג געהט פאָר און וויא אזוי עס צו פערהיטען, וועט דער פערפאסער טהון אם בעסטען ווען ער וועט איבערגעבען דיא פראקטישע פאָרשלעגע פיר דיא בעזייטיגונג און פערהיטונג פון באָויין טובערקולאָזיס,״ וועלכע איז ארויסגעגעבען פון דר. טהעאָבאָלד סמיטה פון דיא ביוראָ אָף ענימאל אינדאָסטרי אין וואשינגטאָן:

„פולע נייך־צעהנטעל פון קראנקע טהיערע וועלכע וואָרען אונטערזוכט זיינען אָנגעשטעקט דורך איינאטהעמען טובערקעלע באצילען, וואָס האָט זיך אויסגעטריקענט און איז פערשפרייט געוואָרען אין דיא לופט.

„איין פולע העלפט פון קראנקע טהיערע וועלכע וואָרען אונטערזוכט, זיינען אָנגעשטעקט, דורך דעם וואָס זיי האָבען אריינגענומען אין זייער קערפער טובערקעלע באצילען, מיט דיא שפייז וואָס זיי האָבען געגעסען. דאָס צייגט ארויס דאָס אנשטעקונג דורך לופט און שפייז איז געפונען געוואָרען אין פיעלע פעלע ביי דיא זעלבע טהיערע.

„טהיערע ווערען אָנגעשטעקט, צוואר זעלטען, דורך געשלעכטס־פערקעהר.

„פיעלייכט איינס אָדער צוויי פראָצענט קעלבער וועלכע ווערען געבאָרען זיינען אָנגעשטעקט מיט קראנקהייט. צווישען צוויי הונדערט פעלע וועלכע דער שרייבער האָט עקזאמענירט, זיינען געווען צוויי פראָצענט וואו דיא קראנקהייט איז דירעקט איבערגעגאנגען פון דיא מוטער.

„מיר קענען ערקלעהרען דיא געפאהר פון אנשטעקונג דייטליכער דורך דעם, דאָס לויט דיא בעריכטען איז אין יעדע שטאדט. וואו עס איז דאָ בלויז א קליינער פראָצענט פון אָנגעשטעקטע טהיערע. ווערט דיא קראנקהייט פון זיי פערשפרייט און דיא איבעריגע ווערען אָנגעשטעקט.

„דיא קראנקהייט אין אייטער איז דיא געפעהרליכסטע, וויל דורך דעם ווערט דיא מילך, וועלכע איז דיא ערשטע צייט וויא געוועהנליך, פערמישט מיט אונריינליכקייט. נאָך מעהר, דיא טובערקעלע באצילען אין דיא קראנקע טהיערע זיינען אונגעהייער פיעל.

„געוועהנליך, איז אין טובערקולאָזע אייטערס און דיא ארויסגעוואָרפענע ווייסט (צואה) פאראן זעהר פיעל טובערקעלע באצילען, און דאָס ווערט פערשפרייט

צווישען אַנדערע קיה. איין אַנאַליזירונג זאָל געמאַכט ווערען ביי יעדע אונטער־זוכונג פון דיא ווייסט.

„דיא ביזהעריגע בעהויפּטונגען זיינען בלויז אין בעצוג אויף איינצעלנע סטאַדעס. אויף וויא וויט פערשפּרייט זיך דיא געפאַהר פון דיא קראַנקהייט אויף דיא סטאַדעס פון דיא נאַכבאַרשאַפט? אויף דיעזעס וועלען מיר געבען דעם אַלגעמיינעם אנטוואָרט, דאָס עס איז ניט קיין געפאַהר זאָ לאַנג דיא פיה קומען ניט אין פערקעהר מיט אַנדערע, אָדער אין שטאַל. טובערקעלע באַצילען קענען אין פרייען לופט ביינאַהע ניט אַריבערגעטראָגען ווערען, און אויב יאַ, איז עס אין אַ גאַנץ קליינע צאָהל און דיא אַנשטעקונג איז אונמעגליך.

„עס איז אויך אַ צווייפעל, אויב עס איז מעגליך דאָס דיא אַנשטעקונג זאָל אַריבערגעטראָגען ווערען פון איין אָרט אין איין אַנדערן, דורך אַ דריטע טהיערע. דיא אורזאַכע פון אזא פאַל איז בלויז דיא טובערקלע באַצילען. דיא קראַנקע טהיער פּראָדוצירט און פערשפּרייט דיא טובערקלע באַצילען. ווען דיא טובערקלע באַצילען געהן אַרויס פון קערפּער פון אַ קוה, ווערען זיי ניט פערגרעסערט, זאָנדערן פערקלענערט, און אין פערלויף פון זעקס מאָנאַטען ווערען זיי אין גאַנצען פערניכטעט. בלויז דאַן ווען זיי געהן אַריין אין קערפּער פון אַ'ן אַנדער טהיער פאַנגען זיי אָן צו פערמעהרען זיך. פאָלגליך בעשטעהט דיא געפאַהר פון דיעזע קראַנקהייט פיר אַנדערע סטאַדען אין דירעקטען פערקעהר. דיא געפאַהר פאַנגט זיך אָן צו פערגרעסערן ווען דיא אנגעשטעקטע דערנעהענטערן זיך, און פערקלענערן ווען דיא אָנגעשטעקטע פאַנגען אָן צו דערווייטערן זיך.

„פערהיטונגס־מיטלען.

„דיא פאָרשלעגע וועלכע וועלען דאָ רעקאָמענדירט ווערען, דאַרפען ניט בעטראַכט ווערען אַלס דיא וועלכע זיינען איינגעפיהרט בלויז אין מאַנכע שטרענגע און ראַדיקאַלע שטאַאטען, זאָנדערן אויך אין אַנדערע. אונזער וואונש איז, דאָס זיי זאָלען בעטראַכט ווערען אַלס וויסענשאַפטליכעס ווערט פיר דיא איינענטהימער פון פיה, און אַלס הילפס־מיטעל אין זייער שטרעבונג צו אונ־טערדריקען און אויסצוראָמען דיא קראַנקהייט. דיא הילפע פון דיא רעגיערונג אין דיעזע פעלע איז אַ פראַגע וועלכע דאַרף בעזונדער בעהאַנדעלט ווערען.

אָהנע אינדיווידועלע מיטהילפע און אויפאָפּפערונג, דורך גרינדליכע פערשטענד־ניסע פון דיעזע קראנקהייט. קען דיא רעגיערונג ווייניג אויפטהון, ווייל עס ליעגט אין דעם גרויסע אויגענס.

„בעזייטיגונג פון קראַנקע טהיערע. — דאָס איז דער פערנינפ־טיגסטער מיטעל צו בעזייטיגען טובערקולאָזיס. מיר האָבען שוין איין מאָל ערקלערט, דאָס בלויז אין קראַנקע טהיערע פערמעהרען זיך דיא טובערקולאָזע באצילען. פאָלגליך, ווען דיעזע טהיערע ווערען בעזייטיגט, דיא שטאלען גוט דיסאינפעקצירט, און דיא מיקראָבען וואָס וואָרען פערשפרייט ווערען פערניכטעט, זיינען מיר זיכער דאָס דיא קראנקהייט איז אויסגעראָמט.

„דיעזע קראַנקהייט קען מען אויסגעפינען, ווען עס פאנגט זיך אָן צו ענטוויקלען, בלויז דורך דיא הילפע פון טובערקולען. אין מעהר ענטוויקעלטע פעלע, קען אַ געניטער בעאָבאַכטער דערקענען אָדער פערדעכטען אָהנע דיא הילפע פון טובערקולין. דארום איז טובערקולין זעהר וויכטיג פיר דיא אייגענ־טהימער פון פיה, ווייל דורך דעם קען ער אויסגעפינען וויא ווייט עס האָט זיך פערשפרייט אין זיין סטאַדע דיא קראנקהייט, און וויס וויא אָבצוטהיילען דיא קראנקע פיה פון דיא געזונדע. טובערקולין ענטדעקט דיא קראנקהייט פון דיא ערשטע ענטוויקלונג ביז דיא וויטסטע ערקראַנקונג, זאָגאר דאַן ווען דאָס טהיער צייגט זיך אויבערפלעכליך פאָלשטענדיג געזונד. עס איז ניט פאָזיטיוו דאָס טובערקולין אונטערשיידעט ריכטיג אין וואָס פאר אַ צושטאנד דיא קראנקהייט איז, דארום ווען יעמאנד ריכטעט זיך נאָך דעם און דער׳הרג׳עט דאָס טהיער, זאָל ער ניט איבעראשט ווערען, ווען ער געפינט אויס דאָס דיא קראנקהייט האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען. אַ קליינער פראָצענט פון דיזע קראנק־הייט ווערען דורך דעם ניט ענדעקט. אין אַנדערע פעלע קען אַ געזונדע טהיערע צייגען דיא רעאַקציאָן פון טובערקולאָזיס. ווען מען געברויכט טובערקולין מוז מען אין זינען האָבען דיעזע פאַקטען. דאָך האָט טובערקולין אַ גרויסע ווירדע, ווייל דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל צו ענטדעקען טובערקולאָזיס ביי לעבעדיגע טהיערע.

„יעצט קומט דיא פראַגע, וואָס זאָל מען טהון מיט דיא אָנגעשטעקטע טהיערע? דיעזע פראַגע בעשטעהט פון צוויי פערבונדענע פראַגען. פון דעם אַגריקולטורישען שטאנדפונקט איז עס גאַנץ איינפאַך. דיא אָנגעשטעקטע טהיערע קענען זאָפאָרט אָבגעטהיילט ווערען פון דיא געזונדע. דיא ערגערע

זאָלען גע׳הרג׳עט ווערען און מען זאָל זיי טיעף בעגראָבען, אָדער פערברענען. דיא וועלכע צייגען זיך ניט ארויס אלס קראנקע קענען געפיטערט ווערען פיר דעם פליישער און אונטערזוכט ווערען ביי׳ן קוילען. דאָס האָט רעקאָמענדירט דער גרויסער פראַנצווישער אויטאָריטעט נאָקארד, און אזוי פיהרט מען זיך אין פיעלע אייראָפּעאישע לענדער. ביי דיעזען פונקט קומט דאָס פאָלקס געזונד־הייט, וועלכע פאָדערט דיא פערניכטונג פון אלע אָנגעשטעקטע טהיערע, וויא שוואַך דיא קראנקהייט זאָל זיין, אָדער ווען דיא טהיערע ווערען ניט פער־ניכטעט, זאָל מען ניט געברויכען דיא מילך פון אזעלכע טהיערע. דיא אינטע־רעסען פון דיא פיה אייגענטהימער און דיא פאָלקס געזונדהייט זיינען אין דיעזען פאַל איינע געגען דיא אנדערע. ווען דער פערלאַנג פון דאָס פאָלק׳ס געזונדהייט זאָל גערעכט בעטראַכט ווערען, דאַן איז קיין צווייפעל דאָס זייער וואונש מוז אין אַלע בעציהונגען נאָכגעגעבען ווערען. אָבער דיא זאַכע איז ניט אזוי איינפאַך, עס איז דאָ נאָך אנדערע מיינונגען. מיר וועלען אויף אַ ווילע אַוועקלייגען דיא פראַגע פון פאָלק׳ס געזונדהייט אָן אַ זייט, און בעטראַכטען דעם פאַרמער׳ס זייטע. נאָכדעם וויא דיא אָנגעשטעקטע פיה זיינען אָבגע־טהיילט אָדער גע׳הרג׳עט, וויא דער פאַל פאָדערט, און דער שטאַל דיזינפעק־צירט, זאָלען דיא געזונדע פיה פערבלייבען מיט טובערקולין אַ לייננגערע צייט, פון דריי ביז זעקס מאָנאַטען, פיר אונטערזוכונג, אום צו זיין זיכער דאָס קיין קראנקהייט איז פערזעהען. לויט אונזער יעצטיגע ערפאַהרונג, איז ראַטהזאַם ווייטערע ווידערהאָלונגען פון דיעזע פּראָבען, ווייל אין מאַנכע פעלע האָט דיא טובערקולין ניט אָנגעצייגט ריכטיג, אָדער דיא מיקראָבען זיינען נאכהער אריינ־געבראַכט געוואָרען פון דיא וועלכע געהן אַרום דיא פיה, אָדער דורך שווינדזוכטיגע קעטץ, הינט, אָדער אנדערע היימישע טהיערע.

„אלע טהיערע וועלכע ווערען געטריעבען אין איין סטאַדע, מוזען פריהער אונטערזוכט ווערען מיט דיא בעשטעטיגונג, דאָס זיי זיינען פאָלקאָם געזונד. אזא פּראַקטישער פאָרשלאַג ברויכט ניט קיין ערקלעהרונגען.

„אין אבוועזענהייט פון טובערקולין, אָדער אָרגאַניזירטער אָפיציעלער אונטערזוכונג, זאָל דער אייגענטהימער פּינקטליך בעזייטיגען פון דער סטאַדע און פערניכטען פאָלגענדע :

„1) אַלע טהיערע וועלכע פאנגען אָן צו ווערען מאָגער, הוסטען, און א פערדעכטיגען רינען פון נאָז.

„2) דיא טהיערע וועלכע האָבען גרויסע גוזען (געשווילעכץ) אויף׳ קאָפּ. (ביי דיא אויערן פון פאָרענט. אָדער אין דיא אונטערשטע מאָרדע) אָדער געשוואָלען ביי דיא שולטערן, אין פלאנק און הינטערן אייטער, און אלע טהיערע וועלכע האָבען געשווילעכץ אויף אירגענד וועלכען טהייל פון קערפער, וועלכע לאָזען ארויס א געלע מאטעריע און פערהיילען זיך ניט.

„3) טהיערע אויף וועלכע מען האָט א פערדאכט, דאָס זיי האָבען טובערקולאָזיס אין מוטער (רחם) אָדער אין אייטער.

„דיזינפעקציאָן און אַנדערע פערהיטונגס - מיטלען.—

עס וועט וואהרשיינליך געדויערן א לייגערע צייט ביז מען וועט אין אלגעמיין אָנפאנגען צו געברויכען טובערקולין. פאָלגליך, מוז מען פאָרלויפיג פאָרנעהמען אלגעמיינע פערהיטונגס-מיטלען. דורך דיעזע מיטלען וועלען פיעלייכט א גרויסע טהייל פיה פערזעהען ווערען, ווייל אָהן טובערקולין קען מען ניט דערקענען דיא קראנקהייט ביי לעבעדיגע, זאָגאר ווען עס איז שוין שטארק ענטוויקעלט. דאָך קען מען פיעל אויפטהאָן, אום צו פערהיטען דיא אנשטעקונג, ווען מען זאָל אויספיהרען דיא פאָלגענדע מיטלען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען פון דיא וועלכע האָבען געשטודירט דיא קראנקהייט.

„אם אָנפאנג איז, פיעלייכט דער וויכטיגסטער פאָרשלאַג, דאָס דער איינענטהימער פון פיה, זאָל זיך בעמיהען צו דערקענען, וויא ווייט מעגליך, מיט דיא איינצעלהייטען פון טובערקולאָזיס, דער אורשפרונג, וויא אזוי דיא באצילען געהן ארויס פון דעם קראנקען קערפער און געהן אריין אין א געזונדען און וויא עס פערשפרייט זיך אין קערפער. דורך דעם וואָס ער וועט זיך בעקענען מיט דיעזע פונדאמענטאַלע קענטניסע, וועט ער זיין אימשטאַנדע צו פערשטעהען ווען דיא קראנקהייט האָט זיך אריינגעכאפּט אין זיין סטאדע, און וועט וויסען וואָס ער האָט צו טהון, אום צו פערהיטען דאָס געזונד פון דאָס פאָלק. ער זאָל זיך אויך בעקאנט מאכען מיט דעם וויא עס זעהט אויס דיא קראנקהייט טובערקולאָזיס אין קערפער, און זאָל עפּענען אלע פערשטאָרבענע פיה, אום צו זעהן ווען און אין וועלכען צושטאנד פון דיא קראנקהייט שטארבען זיי. וואו נאָר עס איז מעגליך זאָל מען זיך בענוטצען מיט דעם דיענסט פון

א געלעהרטען וועטערינאר. סאניטארע מאסרעגעלען מוזען פאָרגענומען ווערען זאָ שנעל וויא מען בעזייטיגט דיא קראנקע און פערדעכטיגע טהיערע. דאָס איז א נויטוועגדיגע בעדירפניס, ווייל אין קראנקע טהיערע איז דער איינציגער פלאַטץ וואו דער אנשטעקענדער גיפט פערשפרייט זיך.

„נאכדעם וויא דיא קראנקע טהיערע זיינען בעזייטיגט זאָל מען זאָפאָרט אָנפאנגען צו בריינגען אין אָרדנונג דעם שטאַל. אזוי וויא דורך דיא ווינטער־דיגע מאָנאטען איז ניט מעגליך געוועזן צו ווענטילירען דעם שטאַל, קען מען געפינען דיא אורזאכע פון וואנען ענטשטעהן דיא קראנקהייטען וואָס דיא טהיערע אַטהעמען אריין, וועלכע איז געוועהנליך אין טובערקולאָזע פיה. זאָגאר ווען בלויז-איינינע פעלע פון טובערקולאָזיס איז ענטדעקט געוואָרען, זאָל מען דעם שטאַל דיזינפעקצירען, דורך אויסרייניגען דיא מיסט און געברויכענדיג דיזינ־פעקצירונגען, און ווייל דיא טובערקלע באצילען זיינען שווערער צו צערשטערען וויא אנדערע באצילען, זאָל מען דיא דיזינפעקצירונג־שטאָף ניט שוואכער מאכען וויא עס ווערט אויפגעגעבען. דיא פאָלגענדע זאכען קענען געברויכט ווערען:

a) קאָרראָסיוו סובלימייט (מערקוריק כלארייד), אונגעפעהר איין אונץ אין אכט גאלאָן וואסער (איין צעהנטעל פון איין פראָצענט). דיא וואסער זאָל מען האלטען אין הילצערנע עמערס אָדער טונען, און דיא סובלימייט זאָל מען צוגעבען. דאָס זאָל מען לאָזען שטעהן פיער און צוואנציג שטונדען, זאָ דאָס דיא סובלימייט קען אין גאנצען צוגעהן. דיזע פערמישונג איז גיפטיג, דארום זאָל מען עס האלטען צוגעדעקט און גוט אויפפאסען. עס קען געברויכט ווערען מיט א בעזים, אָדער אויסוואשען אלע טהיילען פון שטאַל, און אזוי וויא דאָס פערליערט דיא שטארקייט ווען פיעל שמוטץ געפינט זיך, זאָל מען פריהער דעם שטאַל גוט אויסרייניגען און דאַן דיזינפעקצירען, נאכדעם זאָל מען דעם שטאַל האלטען לעהר אזוי לאַנג וויא מעגליך. איידער מען ערלויבט דיא טהיערע צוריק אריין אין שטאַל, זאָל מען אויסוואשען אלע פלעטצער וואו דיא טהיערע קענען לעקען מיט דיא צינגער, ווייל דאָרט קען פערבלייבען גיפט.

b) כלאָרייד אָף ליים, פינף אונצען פיר א גאלאָן וואסער (פיער פראָ־צענט), קען מען געברויכען אויף דעם זעלבען ארט.

c) דיא פאָלגענדע דיזינפעקצירונג איז זעהר א בעקוועמליכע. עס איז

ניט אזוי געפעהרליך וויא מערקיוריק כלאָרייד, אָבער שטארק גענוג, מען זאָל אויפפּאַסען ניט א שפּריץ צו טהון אין דיא אויגען אָדער אויף דיא הענד.

	גאַללאָן
קרוד קאַרבּאָליק אַסיד	½
קרוד סולפוריק אַסיד	½

„דיעזע צוויי זאכען זאָל פערמיישט ווערען אין וואזעס אָדער גלעזערנע סלויען. דיא סולפוריק אַסיד דארף מען לאַנגזאם צוגעבען צו דיא קאַרבּאָליק אַסיד. אין פערלויף פון פערמישען ווערט עס זעהר דערוואַרעמט. דיא קראַפט פון דעזינפעקצירונג איז שטארקער ווען מען האלט עס קיהל. דארום זאָל מען דיא וואזע אָדער גלעזערנעם סלוי ארייגשטעלען אין קאלטע וואַסער ווען מען גיסט צו דיא סולפוריק אסיד. דיעזע פערמישונג טהוט מען אריין אין וואַסער, איין טהייל אין צוואַנציג. איין גאַללאָן פערמישטע אַסידס איז גענוג פיר צוואַנציג גאַללאָנען שטארקע פליסיגקייט, וואָס זעהט אויס אזוי וויא מילך.

d) קאַלך איז ניט גענוג שטארק אום צו פערניכטען טובערקלע באצילען, אָבער ווען מען שמירט אויס דיא ווענט דאמיט, איז עס אונשעדליך, וויל עס האלט אויף דיא ווענט טרוקען א לייננגערע צייט. נאכדעם וויא דער שטאל ווערט גוט גערייניגט, זאָל מען אויסשמירען מיט קאַלך.

היגיענע אין שטאַל.

„מען זאָל בעזאָנדערס אויפפּאַסען אויף דיא ווענט און סילינג פון שטאַל, און דיא שטויב און דיא שפּינוועבס זאָל מען אָבוואשען. דיעזע טהיילען וועלכע קומען אין בעריהרונג מיט פיה, זאָל אָפט געוואשען און דעזינפעקצירט ווערען, זאָגאַר דאַן ווען מען האָט עס ניט געברויכט פיר קראַנקע פיה.

„דיא בעזייטיגונג פון אנשטעקענדען גיפט פון שטאַל קען מען ערייכען דורך רעגעלען רייניגען דיא מיסט און אָפטע לופטערן. גוטע לופט האָט דיא אייגענשאַפט צו פערניכטען אַנגעשטעקטע לופט, און דורך דעם ווערט פערהיט דאָס דיא טהיערע זאָלען ניט איינאטהעמען טרוקענע, שווערע לופט, פערמישט מיט טובערקלע באצילען. עס פערבעסערט דעם צושטאנד פון דיא שוואכע טהיערע, און דורך דעם פערמיידעט עס וויטערע אנשטעקונג.

„פיה דארף מען ניט האלטען דאָס זייערע קעפּ זאָלען זיין צו נאָהענט איינע נעבען דיא אנדערע; יעדעס טהיער זאָל האָבען גענוג פּלאַטץ (יעדע קוה

זאָל האָבען אם וויינינגסטענס זעקס הונדערט קוביק פוס לופט—רוים) און זאָל פערנעהמען אימער דעם זעלבען פּלאַטץ אין שטאַל. דיעזעס וועט פערהיטען, דאָס דיא שטאף וועלכע רינט ארויס פון נאָז, פון דיא לונגען, אָדער ביין אָבריינינגען זיך, וועט ניט צוטראָטען ווערען מיט דיא פיס פון אַ'ן אנדערע. עס איז וואהר, דאָס עס איז שווער צו פערמיידען דאָס איין טהיער זאָל ניט לעקען דיא צווייטע, ווען מען לאָזט זיי ארויס פון שטאַל, אָבער מען מוז דאָך פערהיטען אזעלכע זאכען ווען עס איז דאָ אַ פערדאכט דאָס איינע לאָזט ארויס טובערקלע באצילען. מען מוז אויך אויפפּאסען, דאָס פערזאָנען וואָס ליידען פון אַ לונגען־פעהלער זאָלען ניט שפּייען אין אַ שטאַל.

פיה זאָל מען האלטען אין שטאַל וואָס וויינינגער. דיא פרישע לופט, ענטוויקעלט דיא מוסקלען, און פערקלענערט דיא מעגליכקייט צו ענטוויקלען טובערקולאָזע קראנקהייטען. וויא וויט טהיערע קענען זיך אָנשטעקען פון טובערקולאָזים אין דיא פעלדער, איז אונמעגליך צו בעהויפּטען. עס קען זיין דאָס באלד נאכדעם וויא אַ קראַנקע קוה האָט אויסגעשפּייט אין פעלד, האָט אַ צווייטע דעם גיפט איינגענומען.

„עס איז ניט מעגליך, דאָס דיא גיפטיגע באצילען קענען לעבען לאנג גענוג ביז זיי ווערען אויסגעטריקענט און מען זאָל זיי קענען איינאטהעמען. דיא ווארעמקייט פון דיא זון, דיא פייכטקייט פון דיא לופט און טרוקענקייט פון דער נאַטור, זיינען דיא בעסטע אגענטען צו פערניכטען דיא באצילען. זאָגאר ווען דיא טובערקולאָזע באצילען האָבען זיך אויסגעטריקענט שנעל, דאָך האָט דיא פרייע לופט דעם קראַפט צו פערקלענערן דיא מעגליכקייט אריינצואטהעמען דעם גיפט.

„וועגען אנדערע געפאהרען וואָס איז ווערטה בעמערקט צו ווערען, איז אנשטעקונג פון שפּייז און וואסער. דיא קאָריטען (רינעס) פון וועלכע דיא טהיערע טרינקען, דארפען זיין אזוי געמאכט, דאָס דיא אויבערסטע וואסער זאָל אימער ארונטעררינען, דאָס וואָס רינט ארויס פון נאָז אָדער פון מויל, קען אריינגעשלונגען ווערען פון אַ געזונטע, ווען עס זאָל ניט ארונטער רינען. יעדע פערזאָן דארף אליין בעגרייפען וויא איינצואָרדנען דיא פערמיידונג פון אנשטעקונג, לויט נאכדעם וויפיעל וואסער ער קען געברויכען.

„אום אָבצוהאלטען דיא פערשפּרייטונג פון דיא קראנקהייט צווישען דיא יונגע טהיערע, איז אם בעסטען דאָס דיא אָבגעשוואָמטע מילך און אנדערע פּאכט פּראָדוקטען זאָלען אויפגעבריהט ווערען איידער מען גיט עס צו דיא יונגע טהיערע. ווען מען ווייס בעשטימט דאָס דיא קוה איז געזונד, דאן איז ניט נויטיג דאָס צו טהון, אָבער ווען מען צווייפעלט וועגען דיא קוה׳ס געזונד־הייט, דאן זאָל מען דיא שפּייז אויפקאָכען. דיעזע פּאָרזיכטיגקייט וועט נער־היטען דיא קעלבער פון סקאָרינג, וואָס איז וואהרשיינליך גרעסטען טהיילס פעראורזאכט פון באקטעריא אין דיא שפּייז.

„פּאָרלייענדיג דיא פאָרגאנגענע עצות האָט דער שרייבער אין זיינען געהאט צוויי קאָנדיציאָנען: 1) דיא אין וועלכע מען קען ניט עררייכען טובער־קולין, און מען מוז זיך נור בעגנעהן מיט אוננעוועהנליכע בעאָבאכטונג אום אָבצוטהיילען דיא קראנקע טהיערע פון דיא געזונדע, און 2) דיא אין וועלכע טובערקולין איז מיט ערפאָלג געברויכט געוואָרען, און עס ברויכט נאָך אמאָל געברויכט צו ווערען צוזאמען מיט אנדערע פערהיטונגס־מיטלען. אויב טובער־קולין איז ערפאָלגרייך, דאן זיינען דיא אנדערע מיטלען ניט נויטיג, סיידען דיא קראנקהייט קען אריינגעבראכט ווערען ביי מענשען, אָדער טהיערע פון אנדערע שטאמען, א מעגליכקייט וועלכע מען קען יעצט ניט פאָרזעהען.״

מיר ווילען בלויז צוגעבען צו דיזע וויכטיגע אינסטרוקציאָנען, דאָס טובערקולין איז א צוריכטונג וועלכע פּראפעסאר דאָבערט קאָך האָט ערפונדען פיר דעם צוועק צו דערקענען דיא טובערקולאָזע קראנקהייט. עס איז א פליסיג־קייט געמאכט פון ענטוויקעלטע זאָמען פון טובערקולאָזיס, אָבער עס ענטהאלט ניט קיין לעבענדיגע וויא אויך ניט קיין טויטע זאָמען פון טובערקולאָזיס, ווייל עס איז סטעריליזירט געוואָרען דורך ערהיטצונג, און דורך דעם ווערען דיא זאָמען געטויטעט; דאן ווערט עס געפילטערט דורך פּאָרצעליי, זאָ דאָס נאָכ־דעם וויא זיי ווערען פערניכטעט, ווערען זיי אויך בעזייטיגט פון דיא פליסיגקייט.

דיא פּראָבע פון טובערקולין בעשטעהט אין דעם פּראָצעס פון אָנווענדען טובערקולין אין א טהיער, אום אויסצוגעפינען, אויב עס איז פריי פון טובער־קולאָזיס, אָדער עס איז אָנגעגריפען דאמיט. מאכענדיג דיא פּראָבע איז נויטיג דאָס דיא טהיער זאָל זיין אין א נאָרמאלען טעמפּעראטור, דאן ארונטערלאָזע:

טובערקולין פּראָבע. אונטערן הויט אַביסעל טובערקולין. אויב דיא טהיער האָט טובערקולאָזיס, וועט דיא טעמפּעראַטור שטייגען פון אַכט ביז זעכצעהן שטונדען נאָך דיא איינשפּריטצונג. אויב עס ליידעט ניט פון טובערקולאָזיס וועט דיא טעמפּעראַטור ניט שטייגען.

דיא פּראָבע מיט טובערקולין זאָל אימער געמאַכט ווערען פון אַ קאָמ־פּעטענטען וועטערינאַר, דאַן איז עס קיין געפאַהר פיר דאָס טהיער, ווייל ווען עס איז ריכטיג געמאַכט געוואָרען, קען דאדורך קיין אַנשטעקונג קומען.

זעלבסט פערשטענדליך זיינען מאַנכע טהיערע אויך אזוי וויא מענשען געניינגט צו דיא קראַנקהייט. דיא שטאַם פון וועלכע זיא זינד געבאָרען און דיא קאָנדיציאָנען אונטער וועלכע דאָס טהיער איז געצוואונגען צו לעבען פעראורזאַכען די נייגענישאַפט. מיר גלויבען דאָס עס איז רעכט צו ראַטהען דיא זעלבע פאָרזיכטיגקייטס־מיטלען פיר דיא טהיערע וועלכע מיר האָבען פריהער געראַטהען פיר מענשען, ליכט, לופט, זויבערקייט, גוטע שפּייז, און גענוג בעוועגונג, זיינען דיא פערנינפטיגע גרינדע צו בעקעמפּפען טובערקולאָזיס צווישען אָקסען און קיה, נאַכדעם וויא אַ סטאַדע איז פריי געוואָרען פון טובערקולאָזע טהיערע און גוטע היגיעני־שע איינריכטונגען זיינען געמאַכט געוואָרען, מיט גענוג פּלאַטץ פיר יעדע טהיער. דאַן איז וויניג געפאַהר דאָס דיא קראַנקהייט וועט נאָך אַמאָל אויסברעכען.

וויא עס איז שוין געזאָגט אין דר. סמיטה׳ס אינסטרוקציאָנען, איז ניט ראַטהזאַם אַריינצולאָזען קראַנקע טהיערע אין שטאַל. עס איז אַ געפאַהר ווען שווינדזוכטיגע פּערזאָנען זאָלען אַרומגעהן ארום קיה. עס זאָל זיין פערבאָטען צו שפּייען אויף׳ן פוס־באָדען פון שטאַל, גראַדע אזוי וויא אין וואָהנונגען פון מענשען. ווען עס פאַסירט אין פאַכט אָדער אין פאַרם אירגענד וועלכע קראַנקהייט, וויא דיירי, פיבער, און ז. וו. זאָל מען רופען אַ דאָקטאָר. מען זאָל זיך אויך ווענדען צו מעדיצינישע הילפע ווען עס איז אַ צו לאַנגזאַמע היילונג פון וואונדען אָדער געשווירען. פאָלשטענדיגע ריינטליכקייט איז נייטיג אין האַלטענדיג מילך אָדער פּוטער אין פאַכט, דיא געשיער זאָל גוט געוואַשען ווערען מיט הייסע וואַסער איידער מען געברויכט עס ווידער.

טובערקולאָזיס ביי שווינען איז ניט אזוי זעלטען וויא מען בעהויפּטעט געוועהנליך. ווייל אין קיה איז שווער צו דערקענען דיא קראַנקהייט, ווייל ניט אימער ווערען זיי מאָגער. עס קען פאַסירען דאָס דיא קוה האָט טובערקולאָזע, און דאָך איז זיא פעט, אָבער

טובער־קולאָזיס ביי שוויינען.

ביי א שוויין צייגט זיך דיא קראנקהייט ארויס גלייך אין אָנפאַנג; דאמיט זיא פאנגט אָן צו ווערען מאָגער. גאנץ אָפט שלאַכטעט מען אזעלכע שוויינען און מען מאַכט פון זיי סאָסעדזשעס. עס איז פערשטענדליך דאָס דורך דעם זיינען דיא קויפער פון וואורישט אין געפאהר, איבערהויפּט ווען מען בעטראכט דאָס פיעלע עסען דיא וואורשט ניט געקאָכטערהייט. טובערקולאָזיס צווישען יונגע שוויינען זיינען בעזאָנדערס זעהר אָפט אין דיא פאָרמע פון גערערים־שווינדזוכט. דיא הויפּט סימפּטאָמען זיינען וויא עס איז שוין געזאָגט, פערלוסט פון פלייש, און שלעכטער אויסזעהען, אין מויל ווערט דיא רויטקייט בלאַס, לויז לייב, און לאָזט פיעל לופט. ווען דיא טובערקולאָזיס איז אויף דיא לונגען, דאַן זיינען דאָ נאָך סימפּטאָמען, נעמליך: הוסטען און ברעכען. איןביידע פאָרמען פון טובערקולאָזיס מערקט מען דאָס עס איז געשוואָלען ארום האלז. ווען דיעזע טהיערע ווערען געשלאַכטעט קען מען זעהן קליינע טובערקעלס און געשווירען ארום דיא גידערים און אויף דיא לונגען. אזוי שנעל וויא מען ענטדעקט דיא קראנקהייט צווישען דיא טהיערע, זאָל מען אָבטהיילען דיא קראַנקע שוויינען פון דיא געזונדע. דאַן דאַרף מען זיך בעראַטהען מיט א וועטערינאַר, וועלכער וועט געבען דיא דירעקציאָנען וויא אזוי צוצושטערען דיא טובערקולאָזע פלייש און וויא צו דיזינפעקצירען דעם שטאַל.

צו פערהיטען טובערקולאָזיס צווישען שוויינען איז ניט אזוי שווער, ווען מען האָט אין זינען דיא אורזאכען פון וואנען דיא קראנקהייט ענטשטעהט. א זייגעדיקער שוויין קען אָנגעשטעקט ווערען דורך א טובערקולאָזע מוטער. דיא גרעסטע צאָהל טובערקולאָזיס צווישען שוויינען ענשטעהט דורך דעם וואָס מען קאָרמעט זיי מיט צוגעריבטע מילך אָדער אנדערע מילכיגס פון א טובערקולאָזע קוה. אייניגע פעלע זיינען בעקאנט, וואו שוויינען האָבען געקראָנגען טובעקולאָזיס דורך דעם וואָס זיי האָבען געלעקט דיא שפּייעכץ וואָס א שווינד־זוכטיגער האָט אויסגעשפּייט.

טובערקולאָזיס ביי פערד איז זעלטען און נור א דאָקטאָר קען עס דערקענען. ווען א פערד האָט א גוטען אַפּעטיט און זעהט אויס שלעכט, און ווערט מאָגער, ווערט גיך מיעד, און האָט א קורצען אָטהעם, זאָל מען דענקען

טובער־קולאָזיס ביי פערד און אַנדערע טהירע.

וועגען טובערקולאָזיס. פיעל אורין און א הויכע טעמפעראטור (פיבער) זיינען אויך סימפטאָמען פון טובערקולאָזיס ביי פערד. ווען דיעזער צושטאַנד ווערט ענטדעקט, דאן איז פערשטענדליך דאָס מען זאָל דאָס טהיער אָבטהיילען פון אנדערע ביז עס קומט א וועטערינאר.

טובערקולאָזיס צווישען ציגען איז זעהר זעלטען. אין דיא איינינע פעלע וואָס ווארען בעריכטעט, קומט דיא אָבשטאמונג פון דיא קראנקהייט דורך דעם וואָס זיי האָבען געטרונקען מילך פון א טובערקולאָזע קוה. הינט בעקומען דיא קראנקהייט ווען זיי וואָהנען צוזאמען מיט שווינדזוכטיגע מענשען. דיא אנשטעקונג קומט וואהרשיינליך דורך ארונטערשלינגען און אריינאטהעמען דיא אנשטעקענדע סובסטאנצען.

17טעס קאַפּיטעל.

מיט וואָס זאָלען זיך שווינדזוכטיגע ניט בעשעפטיגען, זאָגאר דאַן ווען דיא קראַנקהייט פאַנגט ערשט אָן זיך צו ענטוויקלען ?

עס זיינען דאָ בעשטימטע בעשעפטיגונגען, מיט וועלכע א שווינדזוכטינער קען זיך בעשעפטיגען אָהנע צו שאַדען זיך און אנדערע. דאָס איז: ארבייטען

וויא זיך צו בענעהן מיט שפּייז.

א לייננערע צייט אויף׳ן פרייען לופט און ניט צופיעל אָנ־שטריינגען דעם קערפער. עס זיינען דאָ אנדערע בעשעפ־טיגונגען וועלכע זאָלען קיין מאָל ניט ערלויבט ווערען פיר שווינדזוכטיגע. וואָס מיר האָבען געזאָגט אין דעם פריהערינען קאפּיטעל, וועגען שווינדזוכטינע בעדינער ארום קיה שטעלען, און דיא מעגליכ־קייט דאָס דורך זיי ווערט פערשפּרייט דיא קראנקהייט איז געווענדעט צו מילך־הענדלער, פלייש־הענדלער, קעבער, בעקער, קאָנדיטאָרים, און איבערהויפּט אלע וועלכע האָבען צו טהון מיט פערפערטיגען שפּייז, ווייל דיא ברויט וועלכע ווערט געהאלטען פון א שווינדזוכטיגען בעקער אָדער הענדלער, איז געפעהרליך.

מען קען זיך פאָרשטעלען דאָס עס איז מעגליך דורך אזא פאַל זיך אָנשטעקען, ווייל דיא ברויט נעהט דורך אזוי פיעל הענד איידער עס קומט אריין אין מויל, און קיינעם קומט ניט ארויף אויף'ן זינען ארום צו רייניגען דיא ברויט איידער מען עסט עס. איין זעהר גוטער מיטעל איז איינגעפיהרט אין מאנכע גרויסע בעקערייען, ווענען דעם וויא זיך צו בענעהן און צו טראנספּאָרטירען דיא ברויט. אזוי שנעל וויא מען נעהמט ארויס דעם לאבען ברויט פון אויווען, ווען ער איז נאָך גוט הייס, לייגט מען עס ארויף מיט א לאָפּעטע אויף א פּאפּיער, וועלכער איז גרויס גענוג איינצואוויקלען דעם גאנצען לאבען. דאן וויקעלט מען צוזאמען דיא ברעגעס און דער לאבען ברויט איז אין גאנצען איינגעוויקעלט.

דיא גרעסטע ריינטליכקייט מוז אָבגעהיט ווערען וואו מען פערפערטיגט אָדער וואו מען פערקויפט שפּייז.—מיר האָבען שוין דערמאָנט אין קאפּיטעל 13 און 14 דאָס מאנכע בעשעפטיגונגען, וויא שטיין־שניידער, שריפט־זעטצער און ציגארען־מאכער, ברייננען, שוואכע פּערזאָנען, איבערהויפּט וועלכע האָבען א נייגונג, צו שווינדזוכט, דארום זאָל יעדער וועלכער האָט א נייגונג צו אזא קראנקהייט, אויסוויכען דיזע בעשעפטיגונגען.

צולעצט וועלען מיר שפּרעכען ווענען נאָך א בעשעפטיגונג וועלכע טובער־קולאָזע פּאציענטען זאָלען זיך ניט פארנעהמען, נעמליך: אלס שומרים ביי

טובער־קולאָזים ביי טהיערע אין שטייגען.

טהיערע און מענאַזשעריען. גרויסע טהיערע, לייבען און טיגערס וויא אויך גרויסע און קליינע אפּען קענען בעקומען טובערקולאָזים דורך אנשטעקונג. עס איז קיין צווייפעל דאָס א'ן אפּען - הויז, וועלכע ווערט בעזוכט טעגליך פון טויזענדע מענשען, יונגע און אלטע, קען בעטראַכט ווערען אלס א געפאהר אין פערשפּרייטונג טובערקולאָזים צווישען דיא בעזוכער, ווען דיא טהיערע זאָלען זיין שווינדזוכטיגע.

18טעס קאַפּיטעל.

וואָס זיינען דיא הויפּט סימפּטאָמען אַם אָנפאַנג פון טובערקולאָזען אויף דיא לונגען אָדער שווינדזוכט ?

דיעזע סימפּטאָמען זייגען אָפט אזוי פארשטעלט און צייגען זיך אזוי זעלטען, דאָס עס ווערט ניט געמערקט פון דעם פּאציענט אָדער זיינע פריינד. ווייל דיא היילונג פון דעם פּאציענט איז אבהייננגיג פון דיא צייטליכע ענט־דעקונג פון דיא קראנקהייט און זאָפאָרטע בעהאנדלונג וועלען מיר דאָ בעשריי־בען אזעלכע סימפּטאָמען וועלכע זיינען לייכט צו דערקענען, אפילו ניט ביי קיין דאָקטאָר.

אַ מאַן, פרוי אָדער קינד, וועלכע האָט אַ׳ן ערבליכע נייגענשאַפט צו שווינדזוכט, האָט געוועהנליך אַ שמאָלע ברוסט און איינגעבויגענע פּלייצעס.

דיא וויכטיגקייט פון צייטליכע ענדטעקונג פון שווינדזוכט.

עס קען פּאַסירען צייטענווייז דאָס מען ווערט מאָגערער, מען פערליערט געוויכט, אָבער דאָס איז ניט קיין רעגעל. מען קען מאַנכעס מאָל זעהן טובערקולאָזע פּאַציענטען, וועלכע זעהן אויס גאַנץ גוט אין אָנפאַנג פון דיעזע קראנקהייט. אַ בלאַסע הויט און צייטענווייז רויטע באַקען, איז אַ געוועהנליכער בעוויז אין אָנפאַנג פון דיא קראַנקהייט. מען קריגט אָפט קאַטער. דער כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט ענדערט זיך ביי׳ן פּאַציענט ווען דיא קראַנקהייט ווערט מעהר ענטוויקעלט. מען האָט קיין חשק צו ארבייטען און מען פערליערט דעם לוסט צו פערגעניגען און בעשעפטיגונג וועלכע מען האָט פריהער ליעב געהאַט. ער ווערט אויך פיעלייכט זיך בעקלאָגען דאָס ער ווערט שנעל מיעד. אין דיא נאַכמיטאַגס שטונדען וועט ער האָבען אַ לייכטען פיבער און אַ הוסט איןדער פריה און אין אַבענד. שווער פערדייאונג און פערלאָ־רענער אַפּעטיט, אַ האַרץ־קלאַפּונג און אַ ווייטאָג אין דיא ברוסט, זיינען פון דיא וויכטיגסטע סימפּטאָמען. געוועהנליך קען איינע אָדער איינינע פון דיא סימפּטאָמען זיין אַ בעווייז אויף אַ׳ן אנדער קראַנקהייט, ניט קיין שווינדזוכט

אויף דיא לונגען. ווען דיעזע סימפטאָמען בעווייזען זיך, סיי ביי דיא זועלבע זיינען גענייגט צו טובערקולאָזיס אָדער ניט, זאָל מען אלס א פערזיכערונג זיך מעלדען צו אַ דאָקטאָר. איבערהויפּט פּערזאָנען וועלכע הוסטען נאָכאנאנד, זאָלען זיך לאָזען גרינדליך אונטערזוכען. דיא וויסענשאפט פון מעדיצין האָט געמאַכט אזא פּראָגרעס צו דערקענען שווינדזוכט אם אָנפאנג, דאָס מען קען עס ערקענען אָהן שווירינגקייט. דאַרום ווען עס איז דאָ א פערדאַכט דאָס עס פאנגט זיך אָן שווינדזוכט, זאָל מען זיך ווענדען צו א דאָקטאָר, דאן קען דאָס געזונד צוריק געקעהרט ווערען און ווען עס איז קיין טובערקולאָזיס, וועט עס פערמיידען פיעל שרעק.

19טעס קאַפּיטעל.

וואָס זיינען דיא ערשטע סימפּטאָמען פון אַנדערע פאָרמען פון טובערקולאָזיס?

אין פאַל ווען דיא טובערקולאָזיס איז אין האַלז, זיינען דיא אלגעמיינע סימפּטאָמען גראַדע דיא זעלבע וויא מיר האָבען בעשריעבען, אין פאַל פון

ערשטע סימפּטאָמען פון טובערקולאָזיס אין האַלז.

שווינדזוכט אויף דיא לונגען, און דאצו נאָך א הייזעריגקייט און אַ שווערינגקייט אין דיא שטימע. אַ ווייטאָג ביי'ן ארונטערשלינגען הייסע אָדער קאַלטע פליסינגקייטען אָדער האַרטע שפּייז, קען מען אויך מערקען אין אָנפאנג פון דיעזע קראנקהייט.

דיא ערשטע סימפּטאָמען פון טובערקולאָזיס אין דיא ביינער און קנאָכענס צייגט זיך ארויס אין הינקעדיגקייט און שנעלע ערמיעדונג פון דיא אַרעמס און דיא פיס. ביי אַ לייכטען דריק אין דיא קנאָכענס פיהלט מען אַ שטארקע שמערצען. ווען דיא ביינער פון רוקען זיינען אָנגעגריפען, ווענדעט זיך דאן אן וועלכען ביין אונד וועלכען פּלאַטץ דיא קראנקהייט איז. צום ביישפּיעל, ווען עס איז נעהענטער צום האַלז, דאַן פיהלט מען אַ שווערינגקייט ביי'ן אַרונטערשלינגען, ביי'ן אָטהעמען, און אָפט א טרוקענעם הוסט. ווען איינער פון דיא ביינער ארום דיא ברוסט איז אָנגעגריפען, דאַן פיהלט מען אַ דריקונג ארום דיא ברוסט, און מען האָט שווירינגקייטען מיט'ן פערדייאונג.

אויב דיא קראנקהייט איז אריין אין דיא אונטערשטע טהייל פון רוקען, דאַ פיהלט מען אַ צורייצונג אין בלאַדדער און אין דיא אונטערשטע גידערים, אַ נייגונג צו אָפטע אורין, און שמערצען אין דיא היפס.

עס איז זעלבסט פערשטענדליך דאָס ווען מען פיהלט אירגענד וועלכע פון דיא סימפטאָמען, זאָל מען רופען אַ דאָקטאָר, ווייל בלויז דורך גוטע בעהאנדלונג קען אַ פאציענט זיין גערעטעט פון אַ דויערהאפטע ליידען.

טובערקולאָזיס אין דיא ביינער און קנאָכען איז אַם מייסטענס ביי קינדער. דאָס זעלבע קען מען בעהויפטען ווענען נאָך אַ פאָרמע טובערקולאָזיס:

ערשטע סמנים פון סקראָפול.

וועלכער איז בעקאנט אונטער דעם נאָמען סקראָפול, און קען בעטראכט ווערען אלס אַ קראנקהייט בלויז ביי קינדער. אַ סקראָפוליצנע קינד איז אימער בלאס, מיט אַ ווייכע הויט און שלעכטע מוסקלען. גילען ארום האלז, און הויט־קראנקהייט, שוואכע אויגען, און פליסונג פון דיא אויערן, זיינען אָפטע סימפטאָמען. דער קליינער פאציענט צייגט זיך אָפט ארויס אין אַ פלעגמאטישע קאָנדיציאָן, אָבער מען קען אויך געפינען אזעלכע וועלכע זיינען נערוועז און אונרוהיג. דיא לעצטע האָבען אַ בעזאָנדערס ווייסע דינע הויט, דורך וועלכע עס זעהט זיך ארויס דיא אָדערן ביי מאַנכע קינדער קען מען מערקען אַ פיעבער. גליקליכער ווייזע קען מען שקראָפול אויסהיילען, ווען מען זאָל עס צו דער צייט אָנפאנגען היילען, און דארום זאָל מען עס ניט פערנאַכלעסינען.

20טעם קאַפיטעל.

וויא אַזוי קען מען קינדער פערהיטען פון סקראָפול און אַנדערע פאָרמען פון טובערקולאָזיס ?

סקראָפול קען זיין ערבליכע אָדער געקראַנגענע. דיא ערבליכע פעלע קומען פון עלטערן וועלכע זיינען סקראָפוליצנע, טובערקולאָזע אָדער סיפיליטישע. עס איז אויך איבערצייגט געוואָרען, דאָס ווען ביידע עלטערן זיינען געוועזען אלקאָהאָליקער,

ערבליכע פעלע פון סקראָפול.

דאָס הייסט זיי זיינען געוועזן שטענדיגע געברויכער פון שטאַרקע געטרענקע, (שכרות) זיינען זייערע קינדער סקראָפוליצנע.

דאָס אלעס צייגט וואָס פיר א געפאהר עס איז פיר א שוואכען און קראַנקען פערזאָן, וואָס ליידעט פון דיא דערמאָהנטע קראנקהייטען, צו הייראטהען און האָבען קינדער, איידער ער ווערט פאָלשטענדיג אויסגעהיילט. מיר ווילען נאָך א מאָל בעהויפטען דאָס דיעזע אלע קראנקהייטען זיינען היילבאר, ווען מען וועגדעט זיך צו דער צייט נאָך מעדיצינישע בעהאנדלונג. אום געהיילט צו ווערען פון (שכרות) ברויכט מען ניט אימער א דאָקטאָר׳ס הילפע; אין פיעלע פעלע איז נור נייטהיג איין עהרנסטער און עהרליכער ווילען דערפון זיך אָבצוגעוואָהנען.

דיא אורזאכען פון געקראָנגנע סקראָפול ביי קינדער בעשטעהן אין דיא היגיענישע אומשטענדען אין וועלכע דיא קינדער האָדעווען זיך, וויא אונגעזונדע

געקראָגענע פעלע פון סקראָפול.

וואָהנונגען, דעמפע, איינגע, שמוציגע און שלעכט געלופטערטע צימערן, צופיעל פערשפּאַרט אין הויז, ניט גענוג שפּייז, ערקעלטונג, דורך אונגעניגענדע בעקליידונג אָדער דורך נאכלעסיגקייט. מען קען זאָגען דאָס דיא זעלבע קאָנדיציאָנען וועלכע ברייגגען דיא מעגליכקייט אריינצונעהמען שווינדזוכטס־באצילען, ברייגגען אויך סקראָפול ביי קינדער. וויא אזוי דיעזע קאָנדיציאָנען צו בעזייטיגען האָבען מיר בעשריעבען אין דיא קאפּיטלען 12, 14 און 15, און מיר וועלען נאָך ריידען וועגען דעם אין דיא סאָציאָלאָגישע לאגע אין קאפּיטעל 28.

אויף זייטע 45 האָבען מיר בעהויפּטעט, דאָס דיא דירעקטע איבערגאנג פון טובערקולאָזיס איז זעלטען, און ביי קינדער קומט דיא אנשטעקונג ביינאהע אימער ווען זיי זיינען זעהר יונג. מיר וועלען יעצט ערקלעהרען פערשיעדענע ארטען, וויא אזוי א געזונדעס קינד קען בעקומען טובערקולאָזיס, און דערפון וועלען מיר לערנען וויא צו פערהיטען דיא געפאהר פון בעקומען דיא קראנקהייט, דורך אריינאטהעמונג, דורך אריינגעהמען אין מאָגען אָדער דורך איינאימפּפונג.

דער געוועהנליכסטער ארט אנשטעקונג ביי יונגע קינדער קומט אם מייסטענס דורך דעם וואָס א שווינדזוכטיגער מוטער האלט דאָס קינד נאָהענט

טובערקולאָזע אַנשטעקונג ביי יונגע קינדער.

צו זיך און קוסט דאָס קינד אויף די ליפּען; זיא פערפער־טיגט די שפּייז פיר'ן קינד און פערזוכט אויב עס איז ניט צו הייס, דאביי האַלט זיא אין מויל דעם ניפּעל אָדער דאָס לעפעל מיט וועלכע דאָס קינד עסט, און ניט וויסענדיג גיט זיא איבער די קראַנקע באצילען פון איהר מויל צו דאָס קינד, שפּעטער פאנגט דאָס קינד אָן זיך צו שפּיעלען אויף'ן פוס־באָדען, און ווען אין הויז איז דאָ אַ שווינדזוכטיגער וועלכער איז ניט פאָרזיכטיג און שפּייט אבי וואו, קען דאָס קינד אָנגעשטעקט ווערען. דאָס קינד קען אריינאטהעמען די באצילען וועלכע פליהען ארום אין דער לופטען צוזאַמען מיט'ן שטויב, און דורך דעם קריגען טובערקולאָזיס, וועלכע וועט זיך ענטוויקלען אין די שפּעטערע יאָהרען, ווען מען וועט ניט וויסען וויא אזוי עס איז געקומען. ווידער, אַ קינד ריהרט אָן אלעס וואָס עס זעהט, און דארום קען עס מיט די פינגער אָנריה־רען די אויסגעשפּייטע פון אַ שווינדזוכטיגען, און נאכהער ווען דאָס קינד האַלט די פינגער אין מויל, נעהמט זיא אריין אין מאָגען די באצילען, וועלכע ענטוויקלען זיך און מען בעקומט שווינדזוכט אין די גידערים. ווען דאָס קינד'ס נעגעל ווערען פערנאכלעסיגט קען עס איינקראַצען אירגענד וואו, און דאביי איינאימפּפען די קראנקהייט אין קערפּער, טובערקולאָזיס אין די הויט אָדער lupus, קען זיין דער רעזולטאַט דערפון.

צו פערהיטען אזעלכע אנשטעקונג איז נויטיג צו בעאָבאכטען די פאָל־גענדע רעגעלען.

קוססען איז אונגעזונד.

אויסער דעם וואָס שווינדזוכטיגע זאָלען זיין זעהר פאָרזיכטיג וועגען שפּייען, זאָלען זיי אזוי ווייניג וויא מעגליך קומען אין פערקעהר מיט יונגע קינדער, און זאָלען ווייכען פון פּלעטצער וואו קינדער שפּיעלען זיך. מיר ווידערהאָלען, דאָס עס זאָל ניט ערלויבט ווערען צו קוסען קינדער אויף די ליפּען, און מען זאָל לערנען דאָס קינד, ניט צו קוסען און ניט ערלויבט געקוסט צו ווערען פון פרעמדע. זייערע פריינד און פערוואנדטע זאָלען זיי קוסען אזוי ווייניג וויא מעגליך, און בלויז אין די באַקען. דער פוס־באָדען אויף וועלכען אַ קינד שפּיעלט זיך, זאָל זיין זעהר ריין. קארפּעט אין אזא פּלאטץ איז שעדליך, זיי דיענען בלויז אלס זאמלער פון שטויב און שמוטץ, און ניט זעלטען איז עס אַ האפען פון

באצילען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען. דיא הענד און נעגעל ביי קליינע קינדער זאָלען געהאלטען ווערען אזוי ריין וויא מעגליך.

ריינע פלעצער פיר קינדער צו שפיעלען.

שפייען אויף פלעצער וואו קינדער שפיעלען זיך, זאָל בעטראכט ווערען אלס איין שלעכטער טהאט און מען זאָל דאפיר בעשטראָפט ווערען. דיא פלעטצער זאָלען געהאלטען ווערען ריין און פריי פון שטויב וויא נור מעגליך. און מען זאָל טעגליך בעשיטען מיט זאמד.

21טעס קאַפּיטעל.

קען טובערקולאָזיס אָדער שווינדזוכט אויף דיא לונגען געהיילט ווערען?

דיעזע פראַגע קען בעאנטוואָרט ווערען מיט אַ בעשטימטען יעס! ערוואקסענע פערזאָנען אין דיא פערגאנגענהייט און געגענווארט, וועלכע זיינען

בעריהמטע מענשען וועלכע זיינען געהיילט געוואָרען פון שווינדזוכט.

אין דער יוגענד אדער מיטעלע יאָהרען אנערקענט געוואָרען דאָס זיי האָבען שווינדזוכט, און דאָך האָבען זיי דערלעבט דיא עלטערע יאָהרען. זיינען פאָלגענדע: דער דייטשער פאָעט געטהע, נאפּאָלעאָן דער ערשטער, און אונזער פיטער קופּער. דאָקטאָר הערמאַן ברעהמער, איינער פון דיא בעריהמטע דייטשע דאָקטוירים, איז געוועזען אַ שווינדזוכטיגער, ווען ער האָט ערעפענט דיא ערשטע סאנאטאָריום פיר טובערקולאָזע פּאציענטען, אין יאָהר 1859, איבער וועלכע ער איז געוועזען דער אָנפיהרער מיט גרויס ערפאָלג, איבער דרייסיג יאָהר. זיין בעריהמטער שילער, דאָקטאָר דעטוויילער, האָט אריינגעטראָטען אין זיין סאנאטאָריום אלס א שווינדזוכטיגער. ער איז געוואָרען ברעמער'ס געהילפע, און זייט דאן איז ער שוין פינף און צוואנציג יאָהר טהעטיג אלס מעדיצינישער דירעקטאָר פון דיא פאלקענשטיין סאנאטאָריום. דאָקטאָר פעאַן פון פּאַריז, וועלכער איז געשטאָרבען אין דעם עלטער פון פינף און זעכציג יאָהר, איז ערקלערט געוואָרען אלס שווינדזוכטיגער ווען ער איז אלט געוועזען צוואנציג יאָהר. פראנצים קאָפּפּע, איינער פון דיא גרעסטע מאָדערנע פראנצויזישע פּאָעטען, דערציילט מיט פערגניגען דאָס א

פערזיכערונגס - געזעלשאפט האָט מעהר אלס מיט צוואנציג יאָהר צוריק איהם צוריקגעוויעזען, וויל ער איז געווען ערקלערט אלס שווינדזוכטיגער. וויא שלעכט די געזעלשאפט פיהלט יעצט, ווען זיא האָט פערלאָרען די פרעמיום פון איבער צוואנציג יאָהר! עס זיינען דאָ טויזענדע פעלע, וואו מענ'שען וועלכע זיינען אנערקענט געווארען פון גרויסע דאָקטוירים, דאָס זיי האָבען שווינדזוכט, זיינען געזונד געוואָרען און האָבען פאָרטגעזעצט זייער לעבען מיט דרייסט פיעלע יאָהרען נאכדעם.

ערריינכטע רעזולטאַטען אין סאַנאַטאָריא. די סטאטיסטיקס פון סאנאטאָריומס פיר שווינדזוכטיגע, וואו עס ווערען עמפפאנגען פאציענטען אין פערשיעדענע צושטענדע פון דער קראנקהייט ציינען פינף און צוואנציג פראָצענט געהן ארויס אלס פאָלשטענדיג געזונד, און פון פערציג ביז פופציג פראָצענט געהן ארויס פיעל פערבעסערט, א גרויסע טהייל פון זיי קענען פערדיענען זייער לעבענס מיטעל. אין די אנשטאלטען וואו מען עמפפאנגט פאציענטען ביי וועלכע די קראנקהייט פאנגט זיך ערשט אָן צו ענטוויקלען, גרייכט די צאָהל פון זיבעציג ביז פינף־און־זיבעציג, פון די וועלכע געהן ארויס געזונד.

22טעס קאַפּיטעל.

זיינען די פּאַציענטען וועלכע האָבען אַרויסגעטראָטען אַלס געזונדע פון די סאַנאַטאָריומס, געבליעבען געזונד אויף אַ לאַנגע צייט?

דאָס א דויערנדע היילונג פון שווינדזוכט איז מעגליך, האָבען מיר שוין בעוויעזען אין פריהערינען קאפיטעל, מיט דעם וואָס מיר האָבען אָנגערופען אייניגע נעמען פון גרויסע מעננער, וועלכע זיינען געווען שווינדזוכטיגע אין דער יוגענד, אָבער זיי זיינען געהיילט געוואָרען און האָבען געלעבט לאנג און געבראכט פיעלע נוטצען; מאנכע פון זיי האבען ערריינכט די עלטערע יאהרען.

ווענען דיא דויערהאפט פון היילונג, וואס איז ערדייכט געווארען אין סאנאטאריומס און שפעציעלע אנשטאלטען פיר בעהאנדלונג פון שווינדזוכטינע,

בעריכטען פון דעטוויילער, וואָלף, האָופע, וואָן ראָק, און באָלדווין.

קען מען זעהן פון פאלגענדעס: צווישען 99 פאציענטען וואס זיינען ארויס פון פאלקענשטיינס סאנאטאריום אלס געזונד, זיינען 72 געוועזן אין גוטען צושטאנד אין דיא צייט פון אונ־טערזוכונג, וועלכע האט שטאטגעפונדען אין פערלויף פון דריי ביז ניין יאהר, נאכדעם וויא זיי האבען פערלאזען דיא סאנאטאריומס. אין 15 פעלע איז דיא קראנקהייט צוריק־געקומען, אבער 12 פון זיי זיינען צוריק געזונד געווארען. 12 פון דיא 99 זיינען געשטארבען. דאקטאר וואלף'ס אונטערזוכונג ווענען 95 פאציענטען וועלכע זיינען ארויס אלס געהיילט פון ברעהמער'ס אנשטאלט אין גערבערסדארף, צייגט פאלגענדעס: 5 האבען געלעבט און האבען געפיהלט גוט נאך דעם אבלויף פון 12 ביז 21 יאהר, און 38 האבען געפיהלט גוט נאך דעם אבלויף פון 7 ביז 12 יאהר. דאקטאר האופע פון סט. בלאזיען סאנא־טאָריום אין דייטשלאנד, האָט געשריעבען אין יאָהר 1891 צו 324 געוועזענע פאציענטען וועלכע האָבען פערלאָזען דעם אנשטאלט פון 1879 ביז 1889. זעקס און פערציג האָבען ניט געענטפערט. פון 5 האָט מען בעריכטעט דאָס זיי זיינען געשטאָרבען, 12 זיינען געוואָרען ערגער, 201 האָבען זיך בעטראכט דאָס זייער געזונד איז פיעל פערבעסערט, און 72 זיינען געוועזן פאָלשטענדיג געזונד. דאָקטאָר ר ו ק, פון נאשוויל, נאָרטה קאראָליינא, בעריכטעט צו דעם פער־פאסער פון דיעזע ווערק, דאָס ער האָט געשריעבען צו 650 פון זיינע געוועזענע פאציענטען, וועלכע האָבען פערלאָזען דיא סאנאטאָריום פון 1 ביז 3 יאָהר פריהער; 457 האָבען געענטפערט דירעקט אָדער דורך זייערע פריינד. פון דיא זיינען 67 געוועזן פאָלשטענדיג געהיילט; 70 האָבען זיך געפיהלט פער־העלטניסמעסיג בעסער; 258 האָבען זיך נאך גוט געפיהלט: 62 זיינען ערגער געוואָרען אָדער געשטאָרבען. דאָקטאָר ע. ר. באלדווין פון סאראנאָק לייק, ניו יאָרק, האָט לעצטענס בעריכטעט, דאָס אין דיא אדיראָנדאק קאָטאדזש סאנאטאָריום האלטען זיי אין שטענדיגען קאָררעספאָנדירען מיט 115 פאציענטען וועלכע זיינען ארויס פון דאָרט אין פערלויף פון צעהן אָדער צוועלף יאָהר, בלויז איינינע האָבען זיך צוריקגעקעהרט, אָבער דיא גרעסטע טהייל פיהלען גוט

און זיינען צו הויזע. דיעזע בעריכטע קענען זיך ניט ארויסצייגען אלס פינקטליך. מיט דיא אויסנאהמע פון דעם לעצטען דערמאָהנטען אנשטאלט (אדיראָנדראק קאָטטאדזש סאנאטאָריום) וועלבע נעהמט אָן פאציענטען בלויז ווען דיא קראנקהייט פאנגט זיך אָן צו ענטוויקלען, איז דיא איבריגע סאנאטאָריומס נעהמען אָן פאציענטען פיר בעהאנדלונג אין אלע צושטענדע פון דער קראנק־הייט. אָבער אין אלגעמיין קענען דיעזע סטאטיסטיקס דיענען אלס טרייסט און דיא פראגע „אויב שווינדזוכט קען דויערהאפט געהיילט ווערען?" קען בע־אנטוואָרט ווערען מיט א בעשטימטען י ע ס.

ניט בלויז דיא לעבענדיגע, זאָנדערן אויך דיא טויטע זיינען אַ בעוויז פון דיא היילבארקייט פון טובערקולאָזיס אויף דיא לונגען. אין דיא אוטאָפּסיס

פּאַטהאָ־לאָגישע בעוויזע פון היילבאַרקייט פון שווינדזוכט.

(ביין פּאַלמעסען) פון פיעלע פערזאָנען וואָס זיינען געשטאָרבע פון אנדערע קראנקהייטען, ניט פון שווינדזוכט, געפינט מען פערהיילטע צייכענס אויף דיא לונגען, וואָס איז א׳ן איבער־ציינונג אז דיא טובערקולאָזיס איז אויסגעהיילט געוואָרען. סטאטיסטיקס בעווייזען דאָס דער צאָהל פון אויסגעהיילטע טובערקולאָזיס אויף דיא לונגען וויא עס צייגט זיך ארויס פון אויטאָפּסיען זיינען פינף און צוואנציג פראָצענט.

אַנדערע פאָרמען פון טובערקולאָזיס זיינען אויך היילבאַר, איבערהויפּט דיא וועלכע צייגען זיך ארויס אלס סקראָפול אָדער קראנקהייט אין דיא ביינער

אַנדערע פאָרמען טובערקו־לאָזים זיינען אויך היילבאַר.

און קנאָכען ביי קינדער. דיא רעזולטאטען וועלכע זיינען עררייכט געוואָרען אין דיא אנשטאלטען ביי׳ן ים און ספּע־ציעלע האָספּיטעלער, וועלכע עקסיסטירען אין פראנקרייך, דייטשלאנד, האָלאנד און איטאליען, זיינען איבערראשענד. לויט דעם בעריכט פון הויפּט - סעקרעטער פון דיא געזעל־שאפט פיר אויפבויען סאנאטאָריומס ביי׳ן ברעג ים פיר סקראָפוליצנע און טובערקולאָזע קינדער אין דייטשלאנד, איז ניט וויינינער פון 50 פּראָצענט קינדער פערלאָזען דיא אנשטאלטען אלס פאָל־שטענדיג אויסגעהיילטע.

מיר וועלען ניט איבערטרייבען בעהויפּטענדיג, דאָס פון אלע כראָנישע קראנקהייטען איז טובערקולאָזיס דיא היילבארסטע, אין דיא יעצטיגע צייט

איז דיזע קראנקהייט די שנעלסטע צו היילען. נאָך די אנגענעהמע בעריכטונג איבער די היילבארקייט פון טובערקולאָזיס אין אלגעמיין, און איבערהויפט דיא וועלכע שרעקען זיך אם מייסטענס פאר טובערקלאָזיס אויף די לונגען אָדער שווינדזוכט, וועלען מיר זיך בענעבען מיט דיא פראגע וויא אזוי ווערט שווינדזוכט בעהאנדעלט און געהיילט.

23טעס קאַפיטעל.

וואָס זיינען דיא מאָדערנע מעטהאָדען צו בעהאַנדלען און היילען שווינדזוכט?

עס ווערט ניט געהיילט ביי שארלאטאנען, פאטענטירטע מעדיצינען, אָדער געהיימע מיטלען, זאָנדערן אויסדריקליך בלויז דורך דיא וויסענשאפטליכען און ריכטיגען געברויך פון פרישע לופט. זאָנשיין, וואסער, נארהאפטע און גוטע שפייז (מילך, אייער, פלייש, גרינסען, און פרוכט) און ווען דיא געגאנטע היגיענישע און דיעטישע אנווענדונגען זיינען ניט גענוג צו בעקעמפפען דיא קראנקהייט, דאן געברויכט מען אויך מעדיצינישע צוריכטונגען, פעראָרדערט ביי א רעגעלען ארצט.

דיא גרינדליכע און שטענדיגע אויפפאסונג אויף דעם שווינדזוכטיגען, דיא פינקטליכע בעהאנדלונג ווען נייע סימפטאָמען ציינען זיך ארויס אָדער ווען דיא אלטע פערשווינדען ניט אזוי שנעל, אָדער ווערען ערגער, די פאָרשרייבונג פון ריכטיגע שפייז און געטרענקע, קען געטהון ווערען בלויז פון א גוט געשטודירטען ארצט. דארום לאָמיר דאָ געבען א ווארנונג; נעמליך—דאָס ניט דער שעהנסטער קלימאַט און ניט דער פראַכטפאָלסטער רעזאָרט איז אימשטאנדע צו היילען א שווינדזוכטיגען, אָהנע גוטע אונטערריכטונג אין זיין בעהאנדלונג.

צייטענווייס דיינקען דיזע קלאסע פאַציענטען, דאָס זיי פיהלען זיך גוט גענוג, דאָס זיי נייטינען זיך ניט מעהר צו זיין אונטער דיא קאָנטראָלע פון א דאָקטאָר. זיי דענקען דאָס זיי קענען זיך איבערגעבען צו פערגניגען, און מאנכעס מאָל נאָך צופיעל אָדער זיך נעהמען צו א'ן ארבייט גראדע וויא א געזונטער. אזא אונפאָרזיכטיגקייט פון דיא זייטע פון א שווינדזוכטיגען וועלכער בעסערט זיך, האָט פיעל מאָל געבראכט דאצו, דאָס דיא קראנקהייט איז צוריקגעקומען צו איהר פריהערינען צושטאנד.

דער פאָלשטענדיגער גלויבען, דאָס לונגען־שווינדזוכט קען געהיילט ווערען דורך היגיעניישע און דיעטישע בעהאַנדלונג. אונטער דעם שטענדיגען אויפזיכט

פינקטליכע מעדיציניִשע אויפפאַסונג איז אַ נויטה־ווענדיגקייט.

פון דאָקטוירים אין אַ שפעציטלען אנשטאַלט פיר דיעזען צוועק, האָט געבראַכט דאַצו דאָס הערמאַן ברעהמער, (דער דייטשער ארצט וועלכען מיר האָבען פריהער עראינערט צווישען דיא בעריהמטע מענער וואָס זיינען געהיילט געוואָרען) פון דיזע קראַנקהייט, האָט ערעפענט דיא ערשטע סאַנאַטאָריום פיר שווינדזוכטיגע אין גערבערסדאָרף סילעזיא (1859). מען מוז צוגעבען דאָס דורך דיא ענגלישע מעדיציניִשע וועלט וואַרען אויפגעבויט שפעציעלע האָספיטעלער פיר שווינדזוכטיגע נעבען דיא גרויסע שטעדט נאָך מיט זעכציג יאָהר צוריק. דיעזע "שפעציעלע" האָספיטעלער פיר שווינדזוכטיגע זיינען אין דיא פריהעריגע יאָהרען געווען ניט פיעל אַנדערש פון דיא אַלגעמיינע, אָבער אַ סאַנאַטאָריום פיר שווינדזוכטיגע האָט פיעלע אייגענשאַפטען וואָס זיינען גאַנץ פערשיעדען פון געוועהנליכע האָספיטעלער. ברעהמער אין זיין צייט

ספעציעלער קלימאַט איז ניט קיין נויטה־ווענדיגקייט.

האָט בעהויפטעט, דאָס אַזעלכע אַנשטאַלטען מוזען זיין אין אַ בעזאָנדערס גוטען קלימאַט און מוזען געבויט ווערען אויף אַ הויכען בּארג, אום צו ערדייכען גוטע רעזולטאַטען. דיא ערפאַהרונג פון פיעלע יאָהרען, אין אייראָפּאַ וויא אויך אין דיא פעראייניגטע שטאַאַטען האַט בעוויעזען, דאָס נוט איינגעאָרדענטע סאַנאַטאָריומס אָדער מאָדערנע ספעציעלע האָספיטעלער, וועלכע זיינען געבויט אויף אַ פלאַטץ וואָס האָט ניט קיין בעזאָנדערס גוטען קלימאַט, האָבען ערדייכט אַם ענדע גראַדע אַזעלכע גוטע רעזולטאַטען וויא דיא וועלכע זיינען געבויט אין פלעטצער מיט בעזאָנדערס גוטע קלימאַטען.

צו געבען אַ געוועהנליכען מענשען אַ בעגריף וואָס מען רופט יעצט אַן אַ צוגעמאַכטען אַנשטאַלט, אָדער סאַנאַטאָריום, וועלכער איז שפעציעל בעאָבזיכטיגט צו בעהאַנדלען שווינדזוכטיגע, וועלען מיר ענטפערן אין דיא פאָלגענדע פראַגען,

24טעס קאַפּיטעל.

וואָס איז אַ מאָדערנער סאַנאַטאָריום פיר שווינדזוכטיגע ? און קען אַזאַ סאַנאַטאָריום זיין אַ געפאַהר פיר די נאַכבאַרען ?

אַ מאָדערנער סאַנאַטאָריום פיר דיא בעהאַנדלונג פון שווינדזוכטיגע, איז אַ׳ן אַנשטאַלט וועלכער ווערט געבויט אין אַ געזונדען הויכען געגענד, וואו עס איז ניטאָ קיין שטויב און קיין גערויש פון וועגען. בלויז פּאַציענטען וועלכע ליידען פון טובערקולאָזיס ווערען עמפּפאַנגען. עס ווערט זעהר גוט אויפגעפּאַסט אין הויז און אומגעגענד, דאָס דיא קראַנקהייט זאָל ניט איבערגעהן צו דיא דיענער, בעזוכער אָדער נאַכבאַרען פון דעם אַנשטאַלט. עס ווערט אויך אויפגעפּאַסט דאָס דיא פּאַציענטען זאָלען זיך זעלבסט נאָך מעהר ניט אָנשטעקען. אַלע פאָרזיכטסמאַסרעגלען... אַלע פּאָרנעהמונגען וועלכע זיינען אויסגערעכענט אין קאַפּיטעל 4 און 5, וועלכע פערשאַפען דיא צושטערונג פון אנשטעקענדע שפּייעכץ ווערען פּינקטליך אויסגעפיהרט אין סאַנאַטאָריום. ווען יעמאַנד קומט ניט נאָך דיא רעגעלען פון אויסשפּייען ווערט ער זאָפאָרט אָבגעוויעזען.

דיא היגיענישע און פערהיטונגס מיטלען אין דיא מאָדערנע סאַנאַטאָריומס, זיינען אזוי גוט איינגעפיהרט, דאָס מען קען בעהויפּטען, אז דאָרט קען מען

היגיענע אין אַ סאַניטאַריום.

וויינעגער אַנגעשטעקט ווערען מיט באַצילען פון שווינדזוכט וויא אירגענד אַנדערשוואו. עס איז פון דיא זעלטענהייטען, דאָס אַ דאָקטאָר, אויפּפּאַסער, אָדער דיענער אין אזא אנשטאַלט זאָלען אָנגעשטעקט ווערען פון טובערקולאָזיס. דאָס צייגט אלס אַ גוטען בעוויז, וויא לייכט עס איז צו פערהיטען, ווען דאקטוירים אַרבייטען צוזאַמען מיט דיא פּאַציענטען בייצוקומען דיא טובערקעל באַצילען, דעם גרויסען פיינד פון דער מענשהייט.

נאָך אַ׳ן אינטערעסאַנטער איבערבליק איז דאָס דיא שטערבעפעלע פון שווינדזוכט אין דיא נאכבארשאפט דערפער פון אזעלכע אנשטאַלטען, איז פער־

סטאַטיסטיק פון שטערבע־פעלע אין גערבערס־דאָרף און פאַלקענשטיין

פערהעלטניסמעסיג פערקלענערט, זייט מען האט געבויט דעם אנשטאלט. דיא פראַכטפאָלע היגיענישע און פערהיטונגס מיטלען וועלכע זיינען פראַקטיצירט געוואָרען אין דיא סאַנאַ־טאָריומס, זיינען פרייווילליג נאָכגעאַמט געוואָרען פון דיא דאָרפסלייטע, און דער רעזולטאַט איז געוועזען דאָס שטערבע־פעלע פון לונגען־שווינדזוכט, צווישען דיא ארומיגע איינוואָהנער, האָט זיך שטופענווייז פערקלענערט. דאַמיט קענען מיר אַנטוואָרטען דיא פראַגע אויב „סאַנאַטאָריומס פיר שווינדזוכטיגע איז אַ געפאַהר פיר דיא נאַכבארשאַפט?" פון גוט אויפגעפאַסטע סאַנאַטאָריומס פיר שווינדזוכטיגע איז ניטאָ קיין געפאַהר פיר דיא אַרומיגע. אום צו בעשטעטיגען דיעזע בעהויפּטונג מיט ציפערן, וועלען מיר בריינגען סטאטיסטיק וועלכע זיינען ארויסגענומען פון אָפיציעלע דאָקומענטען פון צוויי דערפער, גערבערסדאָרף און פאַלקענשטיין, וואו עס געפינען זיך פינף פון דיא גרעסטע דייטשע סאַנאַ־טאָריומס, זייט פיעלע יאָהרען.

אין גערבערסדאָרף איז טויטענפעלע פון שווינדזוכט געוועזען:

פון	יאָהר	1790	ביז	1799	—	14
"	"	1800	"	1809	—	5
"	"	1810	"	1819	—	9
"	"	1820	"	1829	—	9
"	"	1830	"	1839	—	8
"	"	1840	"	1849	—	6
"	"	1850	"	1859	—	7
"	"	1860	"	1869	—	4
"	"	1870	"	1879	—	5
"	"	1880	"	1889	—	5

דיא סאַנאַטאָריום אין גערבערסדאָרף האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1859, און זייט דאַן האָט זיך דיא בעפעלקערונג פון דאָרף גערבערסדאָרף פערדאָפּעלט.

אין דעם דאָרף פאַלקענשטיין זיינען געשטאָרבען פון טובערקולאָזיס :

איידער עס האָט זיך געגרינדעט דער סאַנאַטאָריום.

פון יאָהר 1856 ביז 1858—17.2	פון 100
" 1859 " 1861—7.7	"
" 1862 " 1863—22.6	"
" 1865 " 1867—14.0	"
" 1868 " 1870—16.7	"
" 1871 " 1873—21.0	"
" 1874 " 1876 - 33.3	"

נאָכדעם ווי עס האָט זיך געגרינדעט דער סאַנאַטאָריום.

פון יאָהר 1877 ביז 1879—17.0	פון 100
" 1880 " 1882—14.6	"
" 1883 " 1885--6.0	"
" 1886 " 1888—5.0	"
" 1889 " 1891—13.9	"
" 1892 " 1894—15.1	"

לייגעריג רוהע היילונג אין דיא פרייע לופט.

דיא פאַציענטען אין אזא סאַנאַטאָריום לעבען, וויא געזאָגט, טאָג און נאכט אויף'ן פרייען לופט. ביי טאג ליעגען זיי אין סאָפאַ־שטוהלען אויף פרייע ווערענדאַס, געהן ארום און מאַכען אַטהעם איבונגען. ביי נאכט שלאָפען זיי וואו דיא פענסטער זיינען אָפען. עס איז צו בעוואונדערן וויא דיא שווינדזוכטיגע ווערען לייכט צוגעוואָהנט צום לעבען אין פרייען לופט. קיין ענדערונג פון וועטער, קעלט, רעגען, שנעע, זאָגאַר א ווינד, ווען ער איז ניט צו שטארק, האַלט ניט אָפּ דיא פאַציענטען פון פערברייננגען דיא מעהרסטע צייט אויף דיא פיאַזא, אויף'ן באָלקאָן, אָדער רוהע־היילונגס גאַלעריע.

נאַכפאָרשונגען פון דיא הויז־ערצטע אין דיא סאַנאַטאָריומס בעווייזען, דאָס ענדערונגען פון וועטער מאַכען א קליינעם ווירקונג אויף דיא צוגעוואָהנטע שווינדזוכטיגע פאַציענטען, און דיא רוהע היילונג אויף דיא גאַלעריען אין דיא סאַנאַטאָריומס קען מיט ערפאָלג פאָרטגעזעצט ווערען ווינטער אָדער זומער, רעגען אָדער זאָנשיין. ווען עס איז זעהר קאַלט, דאַן דעקען זיך דיא פאַציענטען מעהר צו מיט דעקען אָדער פוטערס. דאָקטאָר א נ ד ו ו א ר ד, פון טאָנזאַזען סאַנאַטאָריום, בעריכטעט, דאָס זיינע פאַציענטען זיינען פערבליעבען אויף'ן פרייען לופט פון 5 ביז 9 שטונדען א טאָג ביי דיא טעמפעראַטור פון F13° אונטערן זעראָ, און האָבען גוט געפיהלט. עהנליכע בעריכטען קומען צו אונז פון דעם פראַכטפאָלען אמעריקאנער אנשטאַלט, דיא אַדיראָנדאַק קאָטאַדזש סאַנאַטאָריום, אונטער דיא דירעקציאָן פון דאָקטאָר עדוואַרד ל.



פיגור 19.—רוהע היילונג אין ווינטער. אַדיראָנדאַק קאַטאַדזש סאַנאַטאָריום.

טרודיי, דער פייאָניר פון סאנאַטאָריום בעהאנדלונג אין דיא פעראייניגטע שטאאַטען. מיר צייגען דאָ א פאָטאָגראַף (פיגור 19) וועלכע איז ארונטער־גענומען געוואָרען אין א ווינטערדיגען טאָג, צייגענדיג וויא בעקוועם דיא פאציענטען פיהלען טראָטץ דעם קאלטען וועטער. מיר צייגען אויך א ריכטיגע דייטשע רוהע־היילונג גאַלערי (פיגור 20) און אויך א בילד וועלכער שטעלט



פיגור 20.—א דייטשע רוהע־היילונג גאַלערי.

פאָר א רוהע־היילונג, זומער אין וואלד אין א סאנאַטאָריום פון דיא שווארצע וועלדער אין דייטשלאנד (פיגור 21). דאָס לעצטע בילד צייגט וויא דיא פאציענטען אין א סאנאַטאָריום ווייסען וויא צו לעבען גוט. מען דאַרף ניט דיינקען דאס דיזע אנשטאלטען זיינען שרעקליכע און אומעדיגע פלעטצער. דיא מעהרסטע טהייל פאציענטען פיהלען ניט שלעכט און פראָגרעסירען צו א פערבעסערונג, דארום פיהלען זיי זיך גליקליך און פערשפרייטען זייער פרייליכקייט און הומאָר צו דיא איבעריגע, דאַבֵיי האלטען זיי אויף דיא מונטערקייט פון דיא איבעריגע פאציענטען.

פיגור 21.—רוהע־הײלונג אין װאַלד.

דיסציפלין.

דיא דיסציפלין אין אזא אנשטאלט דארף ניט בעטראכט ווערען אלס איבעריג, וויל עס איז אזוי וויכטיג פיר דיא אינטערעסען פון דעם שווינדזוכטיגען פאציענט וויא פאר אלע איבעריגע. דיא פונקטען און רעגעלען אין אזא אנשטאלט איז אזוי אויסגעארבייט דאס עס זאל זיין גוט פיר אלעמען. דיא דאקטוירים און דיא דיענער האבען א רעגעל צו טהון זייער פפליכט און מיט געדולד און געשיקטקייט צו בעהאנדלען דיא פאציענטען; אבער ווען עס איז גויטיג פיר דיא אינטערעסע פון דעם פאציענט אדער דיא אומגעבונג, מוז דער ארצט האבען א רעכט צו לאזען פיהלען זיין אוטאריטעט. א סאנאטאריום איז ניט נור א פלאטץ וואו דער פאציענט ווערט געהיילט, זאנדערן אויך וואו ער לערענט וויא זיך אויפצופיהרען אין דער צוקונפט. דארט לערנט ער פון דיא רעגעלען און אינסטרוקציאנען פון ארצט וויא ער זאל פערהיטען זיך און אנדערע פון אנשטעקונג, וויא זיך צו פערהיטען פון פערקיהלונג, או: וויא ניט צו פערליערען דאס וואס ער האט געוואונען אין אנשטאלט. דאס ויינען טהייערע לעקציאנען וועלכע דער פאציענט פיהרט מיט אהיים.

דער פערבאנד צווישען פאציענט און ארצט.

דער ארצט וועלכער בעהאנדעלט א שווינדזוכטיגען אין א סאנאטאריום אדער צו הויזע, מוז בעטראכט ווערען אלס א גוטער פריינד פון דעם פאציענט, און מען זאל צו איהם האבען פולען צוטרויען. אין אלע פראגען פון הייראטה, פון געשלעכטס פערקעהר, און קינדער געבורט, זאל מען זוכען דעם ראטה פון א׳ן ארצט. פיעלע אונגליקען און פאמיליען אונאנגענעהמליכקייטען קען מען פערמיידען ווען מען הערט אויס דעם ראטה פון ארצט. איינס פון דיא וויכטיגסטע בעהאנדלונג אין סאנאטאריום איז גוטע פפלעגע. דיא הויפט מאהלצייטען נעהמט מען אין גוט נעלופטערטע עסס־צימערן, צובייסען גיט מען אויף דיא פיאזא אדער אויף דיא רוהע־היילונגס גאלעריען. פיעלע פאציענטען בעקומען א גרעסערע מאס פרישע מילך, אום צו קריגען מעהר וואג.

ווען דער פאציענט קומט אין אנשטאלט ווערט ער פון דאקטאר גוט אונטערזוכט און אבגעוואויגען, און דאס ווערט ווידערהאלט צייטענווייז אין פערלויף פון דיא צייט וואס דער פאציענט פערבלייבט אין סאנאטאריום.

דער בעהאנדלענדער ארצט אדער זיינע געהילפע האָבען רעגולערע שפרעך־שטונדען, פיר דיא בעקוועמליכקייט פוּן דיא פּאציענטען. דיא וועלכע זיינען ניט אימשטאנדע אויפצושטעהען פון בעט, ווערען בעזוכט פון ארצט צוויי מאָל טעגליך. שפּעציעלע געבויטע צימערן פיר בעהאנדלונג מיט קאלטע וואסער זיינען געוועהנליך אין קעלער, אָדער דער אפּאראט ווערט געשטעלט אין א נאָהענטע געביידע. איין אַפּאָטהעקע, אַ לאבאָראטאָריום, און אַ צימער פיר בעהאנדלונג האלז קראנקהייטען איז אימער צו פינדען אין אַ סאנאטאריום.

אום דיא ארעמע קלאסע זאָל האבען דיא מעגליכקייט צו געניסען דיא נוצען פוּן א'ן אנשטאלט פיר בעהאנדלונג פון שווינדזוכטיגע, האָבען דיא לעצטע יאָהרען פיעלע מענער און פרויען. פילאַנטראָפּען, שטאאטסמענער און ערצטע. מיטגעהאָלפען אויפצובויען שטאאטס סאנאטאריומס, אָדער פאָלקס היילאנשטאלטען אין פיעלע פלעטצער פון אייראפּא און אויך אין מאנכע געגענדען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

25טעס קאַפּיטעל.

וואָס איז שטאַאטס סאַנאַטאָריום? און וואָס איז אַ פאָלקס הייל-אַנשטאַלט?

א שטאאטס סאנאטאריום אין דיא פעראייניגטע שטאאטען הייסט א'ן אנשטאלט ספּעציעל פיר דיא בעהאנדלונג פון לונגען שווינדזוכט, וועלכער איז געבויט פון שטאאט און ווערט געגצליך אָדער טהיילווייז אויפגעהאלטען פון דער שטאאט. דיא ערשטע שטאאטס סאנאטאריום אין דיא פעראייניגטע שטאאטען איז אויפגעבויט געוואָרען מיט איינינע יאָהר צוריק נעבען ראטלאנד. מאססאטשוזעטס. אין אזא אנשטאלט צאָהלען דיא פּאציענטען פופציג סענט אַ טאָג. אונלענגסט האָבען ניו יארק, ניו דזשוירזי, אייאָווא, איליגאָיס, מיין און אנדערע שטאאטען. פּראָיעקטירט צו בויען עהנליכע אנשטאלטען.

פאלקס סאנאטאריומס אין דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען אנשטאלטען פיר ארעמע און מיטעל־קלאסע, אויפגעבויט און אויפגעהאלטען ביי פּריוואט פילאנטראָפּען. אין מאנכע אנשטאלטען בעקומען דיא פּאציענטען מעדיצינישע

בעהאנדלונג און באָארד פריי, און אין מאַנכע אנשטאלטען דארפען דיא פאַציענטען צאָהלען אַ טהייל פון דיא קאָסטען.

פאָלקס סאַנאַטאָריום אין דייטשלאנד האָט אַ׳ן אנדער בעדייטונג. דאָרט, ווען אַ פערזאָן קלייבט אויס דיא קאַריערע צו ווערען אַ׳ן ארבייטער אָדער אַ דיענער, מוז ער זיך פערזיכערן געגען קראַנקהייט, סיבה, אדער געגען דיא אַלטע יאָהרען. אויב ער בעקומט טובערקולאָזיס ווערט ער זאָפאָרט אוועקגעשיקט אין איינע פון דיא פיעלע סאַנאַטאריומס. דיא רעגיערונגס־בעאמטע, וועלכע זיינען אַן דער שפיטצע פון דיעזע שטאַאטס פערזיכערונגס געזעלשאַפט, האָבען שוין לאַנג ערפאהרען דאָס ווען אַ שווינדזוכטיגער ווענדעט זיך בעצייטענס אין סאַנאַטאָריום, בעקומט ער שנעלע און דויערהאַפטע היילונג, פיר אַ קליינעם פרייז.

שטאַאטס פערזיכערונג געגען שווינדזוכטיגע

זיעבען און דרייסיג פון דיעזע רעגיערונגס פערזיכערונגס־געזעלשאַפט האָבען לויט דיא בעריכטע, אין יאהר 1897 אויסגעהאָלפען 4,480 שווינדזוכטיגע, פון וועלכע 4,432 זיינען געשיקט געוואָרען צו סאַנאַטאָריומס וואָס ערהאלטען סובסידיע. ביינאַהע אַלע דיעזע פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען ביישטייערן צו אזעלכע געביידען. מאַנכע האבען אויסגעפונען דאָס עס לוינט זיי צו בויען ספעציעלע סאַנאַטאָריומס. אין יאָהר 1897 האבען דיעזע שטאַאטס־פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען פון דייטשלאַנד זיך געלאַזט קאָסטען 1,300,000 מארק אויף סאַנאַטאריומס פיר שווינדזוכטיגע, און אין יאָהר 1898 איז דארויף געספענט געוואָרען פון דריי ביז פיער מיליאָן מאַרק.

צו בעטראַכטען אויב אזעלכע שטאַאטס־פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען זיינען פראַקטיש אָדער מעגליך אין דיעזען לאַנד, איז ניט דער צוועק פון דיעזע ווערק.

דיא נויטווענדיגקייט פון שטאַאטס אין פאָלקס סאַנאַטאָריומס.

נאָך וויינינער איז עס אַם פלאַטץ צו שפרעכען וועגען דעם וואָס פריוואַט לעבענס־פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען ענטזאַגען זיך צו פערזיכערן אַ פערזאָן אין וועמעס פאַמיליע עס זיינען דאָ שווינדזוכטיגע, ניט אַכטענדיג אויף דעם דאָס עס עקסיסטירט בעשטימט אַ היילבאַרקייט פיר דיעזע קראַנקהייט. עס איז אַנגענעהם צו בעמערקען דאָס מאַנכע שטאַאטען האבען זיך אונטערנומען צו זאָרגען פיר זייערע

שווינדזוכטיגע אָרעמע לייט, און דאָס נאָבעלע מענער און פרויען האבען זיך פרייוויליג אונטערנומען צו זאָרגען פיר מאַנכע אונגליקליכע ליידענדע, דאָך בלייבט נאך איבער זעהר פיעל צו טהון. אזוי וויא דער צאָהל פון דיא שווינד־זוכטיגע וועלכע האָבען ווייניג אָדער גאָר קיין מיטלען ניט מיט וואָס זיך צו היילען, איז זעהר גרויס אין דיא איינגע בעפעלקערטע שטאאטען, זיינען דיא איינינגע אנשטאלטען אזוי וויא א טראָפּען איז ים. לאָמיר האָפען דאָס דיא נאָבעלע ארבייט וועט פאָרטגעזעצט ווערען און אין דעם נייען יאהר הונדערט וועט דער צאהל פון פאָלקס און שטאאטס סאנאטאָריום אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פערגרעסערט ווערען.

דאָס דורך דיעזע שפּעציעלע אנשטאלטען אָדער היגיענישע מיטלען איז מען אימשטאנדע צו בעקעמפּפען טובערקולאָזיס, אלס א קראנקהייט צווישען דאָס פאָלק, וועלען מיר פּרובירען צו איבערצייגען אין נעכסטען קאפּיטעל.

26טע קאַפּיטעל.

וועלכע בעווייזע עקסיסטירען, דאָס דורך בעהאַנדלען דיא שווינדזוכטיגע אין שפּעציעלע אַנשטאַלטען און דורך היגיענישע מיטלען, קען מען מיט ערפאָלג, בעקעמפּפען טובער־קולאָזיס אַלס אַ קראַנקהייט צווישען דאָס פאָלק?

אין ענגלאנד האָבען עקקסיסטירט שפּעציעלע אנשטאלטען פיר דיא בעהאנדלונג פון שווינדזוכטיגע, האָספּיטעלער און סאנאטאָריומס וועלכע זיינען געבויט נעבען ים, אין א פערהעלטניסמעסיג גרויסען צאָהל, שוין איבער פופציג יאָהר. אלס רעזולטאט פון אויפהאלטען דיעזע אנשטאלטען און דורך פער־שפּרייטען גוטע היגיענע צווישען דאָס פאָלק איז געלונגען געוואָרען צו

פערקלענערן די צאָהל שטערבעפעלע פון שווינדזוכט, און פערלויף פון דיא לעצטע צייט אויף זעהר פיעל, און פיעל שנעלער וויא און אנדערע לענדער. לויט דיא פאָלגענדע סטאַטיסטיקס, וועלכע זיינען געזאַמעלט פון דר. טאַטהאַם, דער סופעראינטענדענט איבער סטאַטיסטיקס און רעדזשיסטראר - דזשענעראל אָפיס, איז דיא שטערבעפעלע פון טובערקולאָזיס צווישען דאס פאלק און ענגלאַנד און וויילס פערקלענערט געוואָרען אויף א העלפט, און פערגלייך וויא עס איז געוועזען מיט דרייסיג יאָהר צוריק.

דיא צאָהל וואָס זיינען געשטארבען פון לונגען-אויסצעהרונג, און ענגלאַנד און וויילס, אויף יעדע מיליאָן איינוואָהנער, איז געוועזען:

און יאָהר	1870	— — — —	2,410
"	1875	— — — —	2,202
"	1880	— — —	1,869
"	1885	— — — —	1,770
"	1890	— — — —	1,682
און יאָהר	1893	— — — —	1,468
"	1894	— — — —	1,385
"	1895	— — — —	1,398
"	1896	— — — —	1,307

דיעזע ציפערן זיינע דער בעסטער אנטוואָרט אויף דיא פראגע, וועלכע איז נעשטעלט געוואָרען אויף דעם טיטעל פון דיעזען קאפיטעל.

27טעס קאַפּיטעל.

קען דיא בעהאַנדלונג פון שווינדזוכטיגע זיין ערפאָלגרייך אויסערהאַלב דיא אַנשטאַלטען?

דיעזע פראגע קען אויך בעאנטוואָרטעט ווערען מיט א בעשטעטיגונג, וויל דיא היילונג פון א שווינדזוכטיגען פאציענט איז אויך מעגליך אויסערהאלב א סאנאטאָריום. דיא קאָנדיציאָנען וועלכע זיינען נויטווענדיג צו עררייכען און ערפאָלג און אזא פאַל, זיינען דאָס דיא סאָציאלע צושטענדע פון דעם פאציענט און דיא אלגעמיינע אומגעבונג וועלכע זיינען נויטיג און דיא מאָדערנע בעהאנדלונג פיר שווינדזוכטיגע, זאָלען זיין אונטער דיא אויפזיכט פון א דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר קען זיין גוט געלערנט און האָבען פיעל ערפאהרונג. דאָך קען ער ניט ערדרייכען קיין גוטע רעזולטאטען, ווען דער פּאציענט זאָל איהם ניט פאָלגען און טהון אלעס וואָס ער פערזאָגט איהם.

מיר גיעבען דאָ אַ בילד (פיגור 22) וויא אזוי א פּאציענט קען ביי זיך אין דער היים איינריכטען אַ פרייע־לופט גאַלעריע, מיט פאָרהאַנגען, וואו ער קען

פיגור 22.—איינריכטונג פיר פרייע לופט בעהאַנדלונג צו הויזע.

פערברייננגען דעם גרעסטען טהייל פון טאָג, און אין אַ ווארעמען וועטער קען

סאַנאַטאָריום ביי זיך צו הויזע.

ער דאָרט שלאָפען דיא נאכט. נאָך אַ מיטעל וויא אויס־צופיהרען דיא רוהע היילונג אויף'ן פרייען לופט קען מען ערדרייכען אויף'ן פאָלגענדען אַרט: מען שאפט זיך איין א שטוהל, פון דיא וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען וויא אביידעל געפלאָכטען פון צווייגען, וואס מען געברויכט אין דיא פיינע זומער פּלעטצער ביי'ן ברעג ים. מען נעהמט ארויס דעם געזעס און מען בעדעקט דיא וועגט מיט אַ דיקע ליינונג, דאַן שטעלט מען אריין אַ רוהע־שטוהל מיט'ן וואַנד

פון אינעווענינ, אזוי דאָס עס פערהיט דעם פּאציענט פון ווינד און זאָנענשיין. דאָרט מאכט זיך דער פּאַציענט בעקוועם פיר'ן גאנצען טאָג, און האלט זיין בוך און שרייב־געצייג אויף אַ דאביי שטעהענדען טישעל, וואו מען גיט איהם אויך דיא מאָהלצייטען, און ווייל דאָס איז זעהר לייכט קען מען עס אומדרייהען ווען דער ווינד ענדערט זיך אין דיא פּערשיעדענע צייטען פון טאָג, זאָ דאָס

פיגור 23.—רוהע־היילונג צו הויזע.

דער קערפּער פון פּאציענט קען געוואַרעמט ווערען פון דיא שטראהלען פון דיא זון, וועהרענד זיין קאָפּ איז אין שאַטען.

אָרעמע פּאַציענטען וועלכע זיינען ניט אימשטאנדע איינצואָרדנען אזא בעקוועמליכקייט, און וועלכע קענען ניט אויך גענומען ווערען אין אַ סאנאַטאָריום,

מוזען זיך ווענדען נאָך ראטה צו א דאָקטאָר, און נאָך זיינע אינסטרוקציאָנען זאָל מען באלד וויא מעגליך איינאָרדנען צו הויזע דיא בעהאנדלונג פון א סאנאטאָריום. אין פערלויף פון טאָג זאָל מען דיא סאָפאַ אָדער דעם רוהע־שטוהל צורוקען צום פענסטער, אויב עס איז ניטאָ קיין פאָרהויז אָדער באלקאָן. זומער און אויך ווינטער, ווען עס איז ניט צו קאלט, און ווען עס איז ניטאָ קיין ווינד, קען מען דעם פּאציענט האלטען אויף׳ן פלאבען דאך, ווארעם איינגע־וויקעלט און פערשטעלט דיא קאָפּ מיט א זאָנענשירם אדער מיט א אויפגע־שטעלטע ביידעל. אויב עס איז דאָ א הויף אָדער אַ גאָרטען, קען מען אונטער־לייגען ברעטער און אוועקשטעלען דעם שטוהל, אין א פּלאטץ וואו דער ווינד קומט ניט צו. א געוועהנליכער שטוהל וואָס געפינט זיך אויף דיא שיפען, אונטערגעבעט מיט א דעקע, איז גראדע אזוי גוט וויא דיא טהייערע אויפגע־שטעלטע רוהע שטוהלען. וויא זיך צו בעגעהן מיט דיא קאלטע וואסער בעהאנדלונג צו הויזע האָבען מיר שוין בעשריעבען אויף זייטע 37.

דיא היגיענישע פאָרזיכטיגקייט ווענען שפייען מוז אין א פּריוואט וואָהנונג גראדע אזוי פּינקטליך אויסגעפיהרט ווערען וויא אין א׳ן אנשטאלט. אויף אזא אָרט, אויב דער פּאציענט טהוט ערנסט זיין פליכט, מיט פולען צוטרויען צו זיין אַרצט, און מיט דעם גוטען ווילען פון זיינע פריינד און דיא וואס וואָהנען מיט איהם, קען מען פון א געוועהנליכע הויז מאבען א פּאסענדע פיר סאנאטאָריום בעהאנדלונג.

28טעם קאַפּיטעל.

וואָס קענען פילאַנטראָפּען און אַנדערע גוטע מענער און פרויען טהון, אום צו העלפען די בעקעמפפונג פון טובער־קולאָזיס אַלס אַ קראַנקהייט צווישען דאָס פאָלק?

אין קאפּיטעל 25 האָבען מיר געשפּראָכען ווענען דיא נויטווענדיגקייט פון סאנאטאָריומס פיר שווינדזוכטיגע אָרעמע לייטע. דיעזע אנשטאלטען זיינען

בעזאָנדערס נויטווענדיג אין דיא מיטעלפונקטען פון גרויסע בעפעלקערונג. ביינאהע אין אלע אונזערע גרויסע שטעדט לעבען טויזענדע אָרעמע שווינדזוכטיגע, אָהנע בעהאנדלונג, אין פינסטערע, איבערפילטע טענעמענט הייזער און פערשפרייטען זייער קראנקהייט צו זייערע פערוואַנדטע און נאכבארען. עס געפינט זיך פיליכט קיין איינציגע שטאדט אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע זאָל קענען געבען דיא געניגענדע בעהאנדלונג אָדער הילפע אין האָספיטעלער פיר דיא אונגליקליכע אָרעמע. א זעהר גרויסער פראָצענט פון דיעזע פאציענטען קענען געהיילט ווערען, צוריק בעקומען זייער געזונד און ווערען פון דאָס נייע דיא ערנעהרער פון זייערע פאמיליען. ווען מען וואָלט זיי אין דיא ריכטיגע צייט אוועקגענומען פון זייערע אומגעזונטע אומגעבונג, און ווען זיי וואָלטען ערהאלטען דיא ריכטיגע בעהאנדלונג אין א סאנאטאָריום.

וואָס פיר גוטעס רייכטהום וואָלט אויפגעטהון, וויפיעל אונגליק און ליידען עס וואָלט געראטעט און וויפיעל לעבענס עס וואָלט דורך דעם פערהיט געוואָרען, איז גענוג פערשטענדליך און מען ברויכט עס ניט מעהר אויפצוצייגען.

אויסער דיא ליידענדע פון לונגען־אויסצעהרונג, איז אויך דאָ א גרויסע צאָהל ליידענדע, שפעציעל צווישען קינדער פון דיא אָרעמע קלאסע, וועלכע

דיא נויטווענדיגקייט פון א סאנאטאָריום פיר קינדער.

זיינען אָנגעשטעקט מיט אנדערע פאָרמען טובערקולאָזע קראנקהייטען, איבערהויפט סקראָפול און טובערקולאָזיס אין דיא קנאָכענס און אין דיא ביינער. וויא ווייט שקראָפול און אנדערע פאָרמען טובערקולאָזע קראנקהייטען זיינען פערשפרייט צווישען קינדער, האט דאס פאלק א קליינעם בעגריף. אין בערלין, דייטשלאנד, ווערט געפיהרט א גענויע סטאטיסטיק וועגען דיא צאָהל קינדער וואָס בעזוכען טעגליך דיא פאָלקס־שוהלען. אין איינע פון דיעזע שוהלען איז אויסגעפונען געוואָרען, דאס פון 125 יונגען און 132 מעדכענס וועלכע זיינען ניט רעגולארנע געקומען אין דיא שוהלע, וואָרען 114 פון דיא ערשטע און 115 פון דיא צווייטע ליידענדע פון טובערקולאָזיס אָדער סקראָפול.

מיר האבען שוין געשפראָכען וועגען דיא פראכטפאָללע רעזולטאטען וועלכע זיינען עררייכט געוואָרען אין בעהאנדלונג פון טובערקולאָזע אָדער סקראָפוליצנע קינדער אין דיא סאנאטאָריומס ביי'ן ים אין פראנקרייך,

דייטשלאנד, האָלאנד און איטאליען. דער קלימאט נעבען ים און דאצו גוטע ערנעהרונג, קאלטע און ווארעמע ים-בעדער צייגט צו זיין דאס פּראקטישע מיטעל צו היילען סקראָפול און טובערקולאָזיס ביי קינדער אנשטאלטען פיר דיעזע בעהאנדלונג איז אזוי נויטיג וויא סאַנאַטאָריומס פיר ערוואקסענע, אום צו בעקעמפפען דיעזע קראנקהייט צווישען דאס פאָלק. דיא גרינדונג פון אזעלכע אנשטאלטען אין דיעזען לאנד ווערט פון טיעפסטען הערצען רעקאָמענדירט צו דיא וועלכע ווילען העלפען ליידענדע קליינע קינדער.

דיא היילבאַרקייט פון טובערקולאָזיס אין דיא פערשיעדענע פאָרמען, קען עררייכט ווערען נור דורך היגיענישע און דיעטישע בעהאנדלונג אונטער דיא פינקטליכע אויפזיכט פון א דאָקטאָר, אין א סאנאטאָריום, אָדער, ווען דיא אומשטענדע ערלויבען אין הויז פון פּאַציענט.

אום צו פערהיטען דיא פערשפּרייטונג פון טובערקולאָזיס צווישען דיא מאַסען, איבערהויפּט אין דיא פאָרם פון לונגען־אויסצעהרונג אָדער שווינדזוכט, מוז מען פערהיטען דיא אורזאַכען פון וואנען דאָס ענטשטעהט.

אַלגעמיינע אורזאַכען פון טובערקולאָזע קראַנקהייטען

אונוויסענהייט, ניט גענוג ליכט, לופט, זאָנענשיין, אונגעזונטע וואָהנונגען, אונריינע וועש, צו-וויניג אָדער שלעכטע שפּייז, איבערפלוס אין אלע בעציעהונגען, און איבערהויפּט אין מיסברויכען אלקאָהאָלישע געטרענקע, זיינען ביי יעצטיגער צייט אנערקענט אלס דיא וויכטיגסטע אורזאכען פון וועלכע עס ענטשטעהט דיא קראַנקהייט.

צו בעזייטיגען דיא אונוויסענהייט פון דיא היגיענישע פאָרמען אין לעבען אין אַלגעמיין, און פיר טובערקולאָזע איבערהויפּט, צווישען דיא מאַסען, דאַרף זיין דיא פליכט פון דיא געבילדעטע. דאָקטוירים, לעהרער, אַרבייטס-געבער. און אלע מענער און פרויען וועלכע האָבען צייט, מיטלען, טאלאנט און זיינען געזאָנען דאצו, זאלען זיך פעראייניגען צו בילדען דיא מאַסען דורך לעקטשורס, און דורך פערטהיילונג פון פּאַמפּלעטען וועגען פערשיעדענע קראַנקהייטען, איבערהויפּט וועגען טובערקולאָזיס. אין אלע שטאַאטען זאָלען זיך גרינדען פעראיינען צו פערהיטען טובערקולאָזיס. דיא שטאַאט און מוניציפּאַל-רעגיערונג, באַארד אָף העלטה און אנדערע סאניטארע אויטאָריטעטען, זאָלען

שטיצען דיעזע אונטערנעהמונגען דורך פערגרעסערן זייער איינפלוס, און נוטצבארקייט.

צו געבען דיא ארעמע בעפעלקערונג פון גרויסע שטעדט מעהר לופט, ליכט און זאָנענשיין. איז אויסער גוטע סאַניטאַרע וואָהנונגען, וועגען וועלכע מיר וועלען שפּרעכען אין נעכסטען קאפּיטעל, איז אויך נויטיג צו בויען מעהרערע שפּאַציר־גארטענס, און שפּיעל־פּלעצער, פון פאָלקס־קאַסען, אָדער דורך פּריוואַטע פילאַנט־אָפּיע. איבערהויפּט אין דיא מעהר געדיכטע געגענדען. אזעלכע פּארקען און אַטהמונגס־פּלעצער ווערען מיט רעכט גענאַנט: דיא לונגען פון א גרויסע שטאָדט.

וועגען ריינליכקייט און דיא נוטצען פון א באָד, מוז מען איבערהויפּט ערקלעהרען צו דיא וואָס האבען ניט געהאַט קיין געלעגענהייט וועגען דעם צו

פּאָלקס־
בעדער.

לערנען. עס איז ווינשענסווערטה דאָס יעדע פאמיליע זאל האבען איהר אייגענעם באָדע־צימער. דאָך וועט נאָך נעהמען צייט ביז דיעזע אידעאַלע נויטווענדיגקייט וועט אויסגעפיהרט ווערען. פאָרלויפיג איז נויטווענדיג צו בויען מעהרערע פאָלקס־בעדער, וועגען וועלכע מיר האָבען געשפּראָכען אויף זייטע 48 אין דיא פראַגע וועגען ארבייטער קאָלאָניען, דאָס וועט זיין איינער פון דיא בעסטע מיטלען צו פערהיטען דיא אָרעמע בעפעלקערונג פון פיעלע קראַנקהייטען.

אַלס א בייזפּיעל פון דיעזע פּראַכטפאָלע ארבייט פון פאָלקס־בעדער, גיעב איך מיין אויסצוג פון אַ בעריכט פון לעצטען יאָהר וועגען פאָלקס־בעדער. דיעזע בעדער ווערען אויפגעבויט און ווערען אויפגעהאלטען פון דיא געזעלשאַפט פיר דיא פערבעסערונג דיא צושטענדע פון דיא אָרעמע:

„דיא פאָלקס־בעדער געפינען זיך אין נומער 9 צענטער מארקעט פּלייס, ניו יאָרק. זיי וואַרען ערעפענט אין אויגוסט 1891. דיא געביידע מיט דיא איינריכטונג האָט געקאָסט אונגעפעהר 28,000 דאָלאַר. דיא געביידע איז אויף א פּלאַטץ פיר וועלכע מען דארף קיין רענט צאָהלען. דיא שטאָדט גיעבט וואַסער פריי. דיא הויז איז געבויט פון ענאַמעלירטע ציגעל, און ענטהאלט זעקס און צוואַנציג באָדע־צימערן, פון וועלכע דריי און צוואַנציג זיינען שפּריץ־בעדער, (זיעבצעהן פיר מענער און זעקס פיר פרויען). דיא איבעריגע דריי צימערן האָבען וואַנעס פיר אַלטע פרויען און קינדער. אויף'ן ערשטען פלאָר איז א

וואָהנונג פיר דעם סופּעראינטענדענט, און אין קעלער איז דיא דאַמפף־איינריכטונג און וועשעריי. דיא באָד קאָסט פינף סענט, דאַפיר בעקאָמט מען אַ בעזונדערע ישטיק זייף און אַ האנדטוך. לעצטען יאָהר (1899) האָט דיא באָד פערדיענט דיא קאָסטען איהר אויפצוהאלטען. דער רעזולטאַט פון אַ יאָהר ארבייט צייגט אַ קרעדיט באַלאַנס פון $137.01. דער צאָהל פון דיא בעזוכער איז געווען 120,387 פערגרעסערט מיט 4,662 אין פערגלייך מיט דעם פאַר־אַ־יאָהריגען יאָהר. דער צאָהל פון דיא מאָנאַטליכע און טעגליכע בעזוכער שטייגט אויך אַריבער. אין מאָנאַט יולי (דזשולייי) איז געווען 17,452 בעזוכער. דעם 22טען יולי איז געווען 1,175 בעזוכער.

„דיא פאָלע קאָסטען אויפצוהאלטען דיא באָד איז געווען $5,571.99 און דיא פאָלע איינגאַהמע איז געווען 5,709 דאָלארס. קיין בעסערער פערזוך צו פערבעסערן דיא לאַגע צווישען דיא טענעמענט בעפעלקערונג, וויא דיא פאָלקס־בעדער, איז נאָך ניט געווען. אין דיא לעצטע אַכט יאהר האָבען זיי געוויעזען דאָס דיא געוואָהנהייט צו ריינטליכקייט קען פערשפּרייט ווערען זאָגאַר צווישען דיא ערגכטע געגענדען פון שטאָדט. דער ערפאָלג פון דיא בעדער בעשטעהט איבערהויפּט אויף דיא געשעפטסמעסיגקייט מיט וועלכע זיי ווערען געפיהרט. אויך דיא לייטע וואָס נעהמען דיא באָד פיהלען דאָס זיי האָבען בעצאָהלט פיר דיא בעקוועמליכקייט וועלכע מען האָט זיי געגעבען.‟

עס פערשטעהט זיך דאָס אַזעלכע אנשטאַלטען קענען דאַן בריינגען פאָלקאָמענע נוטצען, ווען זיי זיינען אָפען דעם גאַנצען יאָהר, אלע טאָג, און אבענדע, פיר מענער, פרויען און קינדער.

אורזאַכען פון שלעכטע ערנעהרונג.

די אורזאַכען פון ווייניג און שלעכטע ערנעהרונג, איז צייטענווייז אַבהייניג פון דיא עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגען, וועגען וועלכע מיר קענען דאָ ניט דיסקוטירען, אָבער פיעלע מאָל ענשטעהט עס פון אונוויסענהייט און אונערפאַהרונג. צו מאַכען אַ גוטען, איינ־פאַכען, געזונדען און געשמאַקען מאָהלצייט פיר אַ קליינעם פרייז, איז אַ קונסט וואָס דאַרף געלערנט ווערען צו יעדע יונגע פרוי וועלכע פערלאָזט דעם שאַפּ און נעהמט אויף זיך דיא פליכט צו זיין אַ הויז־ווירטהין. דאָ איז אַ פעלד פיר איידעלע און ערפאַהרענע פרויען, וועלכע האָבע געהאַט אַ געלעגענהייט צו ערלערנען דיא קונסט פון קאָכען. דורך דעם

וואָס זיי וועלען פערטהיילען זייער ערפאַהרונג צו זייערע שוועסטער וועלכע האָבען ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו לערנען, וועלען זיי צוגעבען דויערנדע פריעדען צו אַ פאַמיליענלעבען.

עס איז אויך נויטיג צו ערעפענען פאָלקס־קיכען, וואו דיא אונפערהייראטהע ארבייטער זאָלען קריגען גוטע איינפאַכע שפייז פיר אַ ביליגען פרייז. אין בעצוג צו דיא פראגע וועגען שלעכטע ערנעהרונג. ווילען מיר זאָגען איינינע ווערטער וועגען סקוהל קינדער, איבערהויפט אין דיא גרויסע שטעדט. דיא גרעסטע טהייל געהען ניט צו הויזע עסען מיטאָג. דיא צובייכען וואָס זיי ברייננען מיט זיך איז ניט קיין גוטע. אין מאַנכע שטעדט פון דייטשלאנד האָט מען פרובירט איינפיהרען צו פערזארגען פיר דיא אָרעמע קינדער מיט גוטע פלייש סענדוויטשעס און אַ גלאָז מילך. דער רעזולטאט פון דיעזע לויבענסווערטהע גוטהייט פיר קינדער וועלכע ווערען שלעכט ערנעהרט צו הויזע, איז געווען איבערראַשענד. ביינאַהע יעדער פון זיי איז צוגעקומען אין וואָג דעם ערשטען מאָנאַט, און אַלע האָבען זיך געפיהלט גוט און זיינען געווען אימשטאַנדע צו מאַכען בעסערע לעקציאָנען אין שוהלע.

יעצט נאָך אַ וואָרט וועגען שכרות. עס איז קיין צווייפעל דאָס שכרות מוז בעטראַכט ווערען אלס דער גרעסטער פיינד פון דעם פאָרטשריט פון אַ נאַציאָן. דער אָפענסטער צושטערער פון אַ פאַמיליען־גליק, דער צושטערער פון שכל, פון קערפער, פון גייסט, און אויך דער טהעטיגסטער מיטאַרבייטער פון טובערקלע באַצילוס (שווינדזוכט).

שכרות און טובערקולאָזים.

צו בעקעמפפען שכרות איז נויטהיגער פון אלעס בילדונג. שווערע שטראַפען און פאנאטישע געזעצע וועלען טהון ווייניג גוטעס. מען זאָל פון דער יוגענד לערנען וועגען דיא געפאַהר פון שכרות און דיא שרעקליכסטע רעזולטאטען דערפון. אין דיא שוהלע אין אין הויז זאָל מען פאָרשטעלען דעם שכור אלס דעם אונגליקליכסטען פון אלע בעשעפעניסען. ווען לייכטע געטרענקע ביי'ן עסען, וויא ביער, ווערט בעטראַכט אלס אונשעדליך, פיר ערוואַקסענע פערזאָנען, דאָך זאָל מען קיין מאָל ניט געבען צו קינדער קיין געטראַנק וואָס ענטהאלט אלקאָהאָל, וויא שוואַך עס מעג זיין.

אין פאַמיליען וואו מען האָט מורא דאָס אַ'ן ערבליכע נייגענשאפט פון שכרות זאָל איבערגעהן, דאַרף מען זאָגאר דיא לייכסטע אלקאָהאָלישע

געטרענקע ניט אריינגעהמען אין הויז. עס איז אם בעסטען דאָס פערזאָנען וועלכע האָבען צייטענווייז א נייגונג, זאָלען ניט רויכערן, ווייל עס איז בעוויזען געוואָרען דאָס דיא אטאקע פון דיפסאמאניא (פעריאָדישע שכרות) ווערט אָפט ערוועקט פון צופיעל געברויך פון טאבאק. דער יונגער מאן וועלכער טרעט ארויס אין לעבען זאָל מיט זיך נעהמען מאָראלישע לעהרען, וועלכע וועלען איהם געבען דיא מעגליכקייט צו זיין א דזשענטעלמאַן; און וועט בעטראכט ווערען אלס איין העפליכער הערר זאָגאר דאן ווען ער וועט זיך ענטזאגען ארייננצוגעהן אין א שענק, צו טראקטירען ווטמען, אָדער טראקטירט צו ווערען. דיעזע געוואָהנהייט צו טראקטירען, וועלכע איז אזוי פערשפרייט אין דיא אמעריקא־נער געזעלשאפט האָט רואינירט מאָראליש און קערפערליך פיעלע יונגע לייט. דיא ערעפענונג פון טהעע און קאָפע הייזער, וואו מען קען בעקומען ווארעמע ניט קיין אלקאָהאָלישע געטרענקע. ווינטער, און קאלטע געטרענקע, זומער, זאָל בעטראכט ווערען אלס א נויטווענדיגקייט. אזעלכע הייזער וואָלטען נאָך מעהר געוועזן ניצליכער, ווען מען זאָל דאָרט אויך בעקומען געזונטע אונטערהאלטונג (עקסערסייז), פיר אלטע און יונגע. טעמפּערענץ געזעלשאפטען, וועלכע דורך אינטעליגענטע פּראָפּאגאנדא העלפען צו בעקעמפפען דיא שאדען פון שכרות, זאָלען ווערען געשטיצט פון יעדען.

29טעם קאַפּיטעל.

וויא אַזוי קען דיא טובערקולאָזיס פראַגע אין דיא פעראייניגטע שטאַאטען געלייזט ווערען דורך גוטע געזעטצע און אַ פערבאַנד פון פאָלק'ס און פּריוואַט פילאַנטראָפּיע?

ווען מיר זאָלען זיך פאָרשטעלען דאָס אין אלע שטאאטען עקזיסטירען גענייגענדע געזעטצע געגען דיא איבערגאנג פון טובערקולאָזיס פון איינעם צום צווייטען, און געגען דיא פערשפרייטונג פון טובערקולאָזיס צווישען טהיערע,

און דיעזע געזעטצע ווערען נאכגעקומען אויף'ן בעסטען ארט, דאן וואלטען מיר פארלייגען דיא פאלגענדע פלענער. איבערהויפט פיר דיא געגענד פון גרויסע בעפעלקערונג.

גראדע אזוי וויא עס עקסיסטירען ביינאהע אין אלע שטאאטען אדער מיוניציפאלע געמיינדען קאמיסיאנען, אדער איינינע עקזאמענירער, פיר דעם צוועק צו ענטשיידען דיא סוביעקטען וועלכע נויטינען זיך אין אויפפאסונג פון א שטאטישען אנשטאלט פיר משוגעים, אזוי זאל אויך עקסיסטירען א קאמיסיאן פיר עמפפאנגען שווינדזוכטינע אין א שטאאטס אדער מיוניציפאל אנשטאלט. אזא קאמיסיאן בעשטעהענד פון איינינע ערפאהרענע לייטע און בעאמטע פון דיא באארד אף העלטה. זאל בעהילפיג ווערען פון אונטערשטיצונגס געזעלשאפטען. ביי יעדען פאל זאל איין אונטערזוכונג געמאכט ווערען פון דאקטוירים און פריוואט לייטע, פיר דעם פאלגענדען צוועק.

1. צו בעשטעטיגען דעם צושטאנד פון פארגעשלאגענעם, דורך א מעדיצינישע אונטערזוכונג.

2. צו בעזוכען זיין וואהנונג, אויב ער איז געפונען געווארען א שווינדזוכטינער, און צו איינריכטען היגיענישע מיטלען לויט וויא עס פאדערט זיך (פערטהיילען טאשען־ספיטונס, דיזינפעקציאנען און ז. וו. דאס זאל געטהון ווערען פריי אויב דער פאציענט איז ארעם).

3. צו עקזאמענירען דיא איבעריגע מיטגליעדער פון דער פאמיליע, אום אויסצוגעפינען ווער פון זיי האט זיך אנגענומען דיא קראנקהייט. און אויב יא, זאל מען לייסטען דיא נויטווענדיגע בעהאנדלונג.

4. צו בעריכטען דיא סאניטארע בעאמטע וועגען דעם צושטאנד פון דעם פאציענטס וואהנונג. עס קען זיין דאס עס פאדערט זיך איבערצופיקסען אדער אין גאנצען צו פערניכטען דיא געביידע, אויב טובערקולאזיס איז דארט געווארען איין ענדעמישע קראנקהייט, צוליעב דעם פלאטץ אויף וועלכען דיא הויז איז געבויט געווארען, אדער צוליעב אנדערע אורזאכען.

5. אויסצוגעפינען דיא פינאנציעלע צושטענדע, אויב דער פאציענט איז אימשטאנדע צו צאהלען אדער ניט. אויך אויב דורך דעם וואס מען וועט דעם פאציענט צונעהמען אין א'ן אנשטאלט וועט דיא פאמיליע בלייבען אהנע מיטלען צום לעבען, אדער ניט.

אין פאַל ווען דיא פאַמיליע בלייבט אָהנע מיטלען, דאַן איז נויטיג דאָס דיא מיוניציפּאַליטעט זאָל פיר זיי פערזאָרגען. אין פיעלע פעלע קען אַ בריעף צו דעם דאָקטאָר וואָס האָט פריהער בעהאַנדעלט דעם פּאַציענט, פיעל העלפען דיא ארבייט פון דיא אונטערזוכונגס־קאָמיטע.

יעדע פערזאָן זאָל האָבען דאָס רעכט זיך צו מעלדען פיר איין אונטער־זוכונג, און יעדער דאָקטאָר זאָל האָבען אַ רעכט צו רעקאָמענדירען אירגענד אַ פּערזאָן פיר אונטערזוכונג, צו דיא קאָמיטע פון זיין דיסטריקט.

דיא אנשטאַלטען אויסצופיהרען דיעזע פּלענער, וואָלטען זיין:

1. דיא גרינדונג פון אַ האָספּיטאַל און אַ דיספּענסערי אין אַ פּאַסענדע געגענד. דיא דיספּענסערי זאָל בעהאַנדלען דיא ארומגעהענדע שווינדזוכטיגע, וועלכע עס איז אונפּראַקטיש אריינצונעהמען אין אַ סאַנאַטאָריום, אָדער זיי וואַרטען ביז דאָרט וועט ווערען פּלאַטץ פיר זיי. דיא דיספּענסערי זאָל אויך זיין אַ פּלאַטץ וואו דער פּאַציענט, וועלכער איז שוין ארויס פון סאַנאַטאָריום, קען זיך ווענדען נאָך אַ ראַטה, און דאָביי העלפען איהם שנעלער זיך צו בעסערן און פערהיטען דאָס עס זאָל ניט ערגער ווערען.

2. איינע אָדער מעהרערע שטאָדט סאַנאַטאָריומס, געבויט הינטערן שטאָדט, אויב מעגליך אויף אַ העכערן פּלאַטץ, וואו עס איז בעוואוסט דאס דיא לופט איז דאָרט ריין. דאָ זאָלען אלע פּאַציענטען פּאָרבערייט ווערען און בעקור־מען די פּאָרלויפיגע בעהאַנדלונג, איידער מען שיקט זיי אוועק אין דיא סאַנאַטאָר־יומס אויף דיא בערג. דיא מעהר ענטוויקעלטע פעלע דאַרפען אַלע דאָ פערבלייבען.

3. איינע אָדער מעהרערע סאַנאַטאָריומס אויף דיא בערג זאָלען זיך געפינען נאָהענט פון שטאָדט, ניט ווייטער וויא פינף שטונדען רייזע מיט'ן באַהן. אויף אַ גאַנץ הויכען פּלאַטץ אויב מעגליך, אונגעפעהר פון אַ טויזענד ביז צוויי טויזענד פוס העכער וויא דער ברעג ים. אויף אַ זאַמדיגען גרונד, אין זידליכען געגענד, און ארומגערינגעלט מיט הויכע בערג, וועלכע זאָלען ניט צולאָזען קיין גרויסע ווינטען. אם בעסטען וואו עס איז דאָ נאָהענט אַ סאָסנאָוועך וואַלד. אַ פאַרם דערביי, וואו דיא געזינטערע פּאַציענטען קענען טהון לייכטע ארבייט, וואָלט אין מאַנכע בעציגע אויסגעהאָלפען דעם אנשטאַלט. אין דיעזע פּלעצער זאָל מען שיקען דיא ביי וועלכע דיא קראַנקהייט פאַנגט ערשט אָן און דיא וועלכע האַלטען שוין ביי'ן געזונד ווערען, ווייל דאָ קענען זיי פערפאָלקאָמען דיא היילונג.

אין דיא סאנאטאָריומס וועלכע געפינען זיך אויף דיא בערג, זאָל אויך טרעפענט ווערען איין אבטהיילונג פיר קינדער וועלכע ליידען פון לונגען־שווינדזוכט.

4. איינינע סאנאטאָריומס זאָל ווערען געבויט ביין ברעג ים, פיר דיא בעהאנדלונג פון קינדער וועלכע ליידען פון טובערקולאָזיס אין דיא קנאָכענס (סוסטאוועז) און אנדערע טובערקולאָזע (סקראָפוליצנע) קראנקהייט.

5. אַ סאנאטאָריום פיר קינפעטאָרינס, וואו מען זאָל עמפּפאנגען שווינדזוכטיגע מוטערס איינינע מאָנאטען איידער זיי ווערען ענטבונדען, און זאָלען פערזאָרגט ווערען מיט דיא בעסטע היגיענישע און דיעטיישע בעהאנדלונג. זיי זאָלען פערבלייבען איינינע צייט נאָך דעם געבורט פון דאָס קינד. דער צאהל שטערבעפעלע פון שווינדזוכטיגע מוטערס נאָך׳ן געבורט קען פערקלענערט ווערען בלויז דורך דעם. דאָס מען זאָל צונעהמען דיא מוטערס פון דיא אונגעזונטע וואָהנונגען איידער און נאָך׳ן ענטבינדען, און געבען זיי גוטע מעדיצינישע אויפפאסונג אין אזא אנשטאלט.

דיא גוטעס וואָס עס טהוט דיא מוטער און דאָס קינד פון אזא אויפפאסונג קען ניט אָבגעשאצט ווערען. אויסער דעם דאָס דער פיזישער צושטאנד פון דיא מוטער און דאָס קינד איז אַבהייננינג פון דעם וויא זיי ווערען בעהאַנדעלט אין דיא צייט ווען דער קערפער פאָדערט דיא איידעלסטע און פאָרזיכטינסטע בעהאנדלונג, איז דיא היגיענישע לעהרע וועלכע דיא מוטער בעקומט אין אזא אנשטאלט זעהר וויכטיג פיר איהר פאַמיליע און די געזעלשאפט אין אַלגעמיין.

קימפּעטאָרן סאַנאַטאָריום.

דיעזע קינפעטאָרן סאנאטאָריומס דאַרפען ניט זיין געבויט וויט פון שטאָדט. אלעס וואָס עס איז נייטיג איז, דאָס זיי זאָלען געבויט ווערען אין אַ געזונדען געגענד, אויף אַ הויכען פּלאַטץ וואו דיא לופט איז ריין. דיא אנשטאלטען זאָלען געבויט ווערען לויט דיא מאָדערנע פאָרמען פיר דיא בעהאנדלונג פון פרויען און קינדער, און מיט דיא נויטיגע איינריכטונגען פיר רוהע היילונג, און בעדער, און אנדערע איינריכטונגען פון אַ סאנאטאָריום פיר טובערקולאָזע קראַנקע.

נאָך אַ וויכטיגע זאַך צו ענטשיידען דיא פראגע פון טובערקולאָזיס, קען געטהון ווערען דורך אַ פעראייניגונג פון פאָלקס און פריוואט פילאַנטראָפּיע, אלס אַ צונאָב צו דיא געזעצליכע האנדלונגען. דאָס איז צו בויען מאָדערנע טענעמענט הייזער אין דיא ענג־בעפעלקערטע געגענדען. עס דאַרף איבעראל

דורך גענעטין פערבאטען ווערען צו בויען אויסער מאדעל טענעמענט הייזער. דאס געזעץ זאל ערלויבען דיא סאניטארע אויטאריטעטען צו אונטערזוכען אלע עקסיסטירענדע טענעמענט הייזער, און אויב עס געפינט זיך אזעלכע וועלכע

טענעמענט־הייזער און טובערקולאזע

זיינען שעדליך פיר דיא מענשהייט, ווייל עס איז צו ווייניג לופט, ליכט אדער ווענטילאציע, זאלען אזעלכע הייזער פערניכטעט ווערען, וויא מיר האבען בעפאר געשריעבען, אויב דורך איבערבויען קען מען ניט מאכען דיא הויז אין א גוטען סאניטארען צושטאנד, איז דער איינציגער מיטעל זיי ארונטערצורייסען.

איבערפילונג אין טענעמענט הייזער זאל בעטראכט ווערען אלס א פערברעכען, און דער אייגענטהיטער זאל דאפיר פעראנטווארטליך זיין. א פאמיליע פון זעקס ביז צעהן פערזאן, וועלכע וואהנט אין דריי צימערן, און בלויז איינע פון די דריי בעקומט דירעקט די זאהנעשיין און לופט, קען ניט לאנג פערבלייבען אין א געזונדען צושטאנד. דיעזע פערפעסטעטע און יאמערענדע צימערן טרייבען אפט דעם ארבייטער אין א שענק־הויז. דארט אין סאלון איז ליכטיג און לעבעדיג, און ער בלייבט גלייכגילטיג צו זיין הויז, און זארגט ניט פיר זיין פאמיליע. גיט דעם ארבייטער א אנגענעהמע, זויבערע, געזונטע און בעקוועמע היים, וועט ער ניט האבען קיין חשק צו גיין אין שענק. ער וועט זיין א בעסערער מאן, פאטער און בירגער. די געלט וואס איז פריהער פערצעהרט געווארען אויף געטרענקע וועט אוועק צום בוטשער און בעקער, און פיר בעסערע ערנעהרונג פון דיא פאמיליע, און דער אפטער הונגער (וועלכער איז א וויכטיגער פעראורזאכער פון טובערקולאזע קראנקהייטען) וועט פערקלענערט ווערען. א זעהר לויבענסווערטהע בעוועגונג פיר דיעזען צוועק האט זיך אונלענגסט אנגעפאנגען אין ניו יארק, דורך דיא גרינדונג פון א טענעמענט הויז קאמיסיאן, וועלכע האט דיא אויפגאבע צו פערבעסערן דיא וואהנונגען פון דיא ארעמע דורך פארלייגען און דורכפיהרען בעסערע טענעמענט געזעטצע.

איבערפילטע געפענגניסע, אסיילומס, הקדש'ן, שוהלען, באראקען פאלקס־הייזער, לאדזשינג־הייזער און ז. וו. מוזען אויך אויפגעפאסט ווערען פון

איבערפילטע געפענגניס־הייזער, אסיילומס, לאדזשינג־הייזער, א.ז.וו.

דיא סאניטארא אויטאריטעטען. מען מוז אויך ניט פערזעהן דיא איינגע און אונריינע באדדינג־הייזער וואו דיא מאטראזען האלטען זיך אויף. געגוג פרייע פלאטץ פיר יעדע פערזאן, סיסטעמאטישע לופטערונג און דיא בעזייטיגונג פון טובערקולאזע אינוואלידען, זיינען דיא מיטלען וועלכע מוזען אנגעווענדט ווערען.

דיא וועלכע בויען שיפען, וויא אויך אייגענטהימער פון שיפען און קאפיטאנע זאלען אין זינען האבען דיא איינגע וואהנונגען פון דיא מאטראזען,

איבערהויפט אין דיא צייט ווען זיי רוהען אָדער שלאָפען, זאגאר אין דיא צייט ווען זיי טהוען זייער ארבייט אויף'ן פרייען לופט. קען מען אויך ניט רעכנען דאָס עס ווירקט גוט אויף זייער געזונד. מיר פערשטעהן דאָס דיא פלאטץ וועלכע מען גיט יעדע פערזאָן אויף'ן שיף, מוז זיין וויא מעגליך קליין, דאָך קען מען פערבעסערן, און דער לופטערן קען ווערען פיעל פערבעסערט, און וויייל דיא מאטראָזען לעבען אין אזא איינגעשאפט, דארום איז אויף א שיף דער געפאהר פון אנשטעקונג פיעל גרעסער. א שווינדזוכטיגער מאטראָז ביי דער ארבייט קען זיך ניט אויסהיטען אנצושטעקען זיינע קאמעראדען. דיא שיף איז ניט דיא איינציגע פלאטץ וואו דיא מאטראָזען נעהמען זיך אָן דיא קראנקהייט. ווען זיי זיינען אם לאנד בעזוכען זיי אָפט און שלאָפען וואו דיא גאנצע בעקוועמליכקייט בעשטעהט פון קליינע צימערן מיט שטרוי, וועלכע זיינען אזוי פערנאכלעסיגט דאָס דיא געפאהר אנצושטעקען זיך מיט קראנקהייטען, איז דאָרט נאָך פיעל גרעסער. צו פערהיטען דיא פערשפרייטונג פון אנשטעקונג צווישען דיא מאטראָזען, איז דאָ בלויז איין מיטעל, און דאָס איז נעמליך: מען זאָל אָפט עקזאמענירען און אויסשליסען פון דיענסט דיא מאטראָזען וועלכע ליידען פון לונגען־שווינדזוכט.

דיא דאָקטוירים, שטאאטסמענער, און פילאַנטראָפען, וועלכע זיינען אינטערעסירט אין דיא ענטשיידונג פון די טובערקולאָזע פראגע, האבען אויסער

עמיגראַציאָן פון שטאָדט צו לאַנד.

דיא פערבעסערונג פון דיא ארבייטער לאַגע, דעם צושטאנד פון דיא ארעמע קלאסע און דעם אויפבויען פון שפעציעלע אנשטאלטען פיר דיא בעהאנדלונג פון שווינדזוכטיגער, צו בעגעבען זיך מיט די פאָלגענדע רעפאָרם. דער עמיגראַציאָנס־שטראָם פון דאָרף צום שטאָדט זאל אומגעקעהרט ווערען. זוען טובערקולאָזיס פאנגט זיך אָן ארויסצוצייגען אין א פאמיליע וועלכע וואָהנט אין א גרויסע שטאָדט, זאל דער ארצט בעאיינפלוסען, איבערהויפט די אינגערע מיטגלידער פון דער פאמיליע, ארויסצופאָהרען פון שטאָדט און זיך בעשעפטיגען

דאָס לעבען אויף'ן פרייען לופט.

אויף'ן פרייען לופט. שטאאטסמענער זאָלען פערטהיידיגען דיא אינטערעסען פון דעם פארמער, און דארום וועט דיא פארם בעשעפטיגונג מעהר געפעלען דיא יונגערע דורות, וויא אין דיא פערגאנגענע צייט; און פילאַנטראָפען זאָלען העלפען דיא שטאאטסמענער אין אויפבויען אנשטאלטען, צו לערנען דעם וויסענשאפטליכען און פראָפיטירענדען אגריקולטור, און אויך אין פערזאָרגען מיט געזונטע אונטערהאלטונג, גוטע ביבליאָטהעקען און אנדערע בילדונגס־אנשטאלטען אין דיא דערפער, דאדורך וועט דער לעבען אויסערהאלב דיא גרויסע שטעדט זיין אינטערעסאנט פיר יונגע מענשען; אין קורצע וואָרטען, דיא ליעבע צו דיא נאטור און דאָס לעבען אין פרייען לופט זאָל מעהר פערשפרייט ווערען.

און אזוי שנעל וויא דאס וועט געטהאן ווערען, אזוי שנעל וועט טובערקולאָזיס פערקלענערט ווערען.

דיא ערפּעהרונג פון שוהלען וואו מען זאָל לערנען וועגען וועלדער און וויא אזוי אויפצוהאלטען און מעהר פערשפּרייטען דיא וועלדער, אנשטאט דעם וואָס אין פיעלע שטאאטען ווערט פערניכטעט אזוי פיעל בוימער. דאָס וואָלט געגעבען א געזונטע בעשעפטיגונג צו פיעלע מענשען און עס וואָלט בעשאפען א געזינטערן דור. עס וואלט אויך געעפענט קאריערען פיר יונגע מענשען וועלכע זוכען א מיטעל וויא בייצוקומען ערבליכע אָדער געקראָנקענע נייגענשאפט צו טובערקולאָזיס.

30טעס קאַפּיטעל.

שלוסס.

דער פּערפאָסער פון דיעזע ווערק וויים, דאָס פּיעלעס פון דעם וואס ער האָט פערלאנגט אין דיא פערגאנגענע קאפּיטלען, וועט אַם אָנפאנג זיין שווער אויפצופיהרען; דאָך איז ער איבערצייגט דאָס דיא ערנסטע פעראייניגונג פון דיא וועלכע זיינען פעראינטערעסירט אין ערלייזונג דיא פערשיעדענע פראגען, וועט דיא אונטערנעהמונג זיין פיעל לייכטער וויא מען שטעלט זיך פאָר. אין אנבעטראכט פון אזא גרויסע צאהל שטערבעפעלע פון דיא קראנקהייט וועגען וועלכע דאָ האָט זיך געהאנדעלט, איז עס אַ רעכט צו אונטערנעהמען א קאַמפּף געגען אזא אלגעמיינעם פיינד. ער האָט פולען גלויבען דאָס עס איז מעגליך אין גאנצען אויסצוראָטען דיעזע קראנקהייט.

ווען צווישען א בעפעלקערונג קומט אין אנשטעקענדע קראנקהייט, צום ביישפּיעל סמאָל־פאָקס, פון וועלכע עס שטארבען ווייניג מענשען, ווערען אלע אויפגערעגט און מען זוכט מיטלען, וועהרענד שווינדזוכט איז א קראנקהייט וואָס נעהמט אוועק דאָס לעבען ביי טויזענדע מענשען יעהרליך און דאָך בעהאנדעלט מען עס מיט גלייכגילטיגקייט. דיא יעניגע וועלכע האָבען דיא קראנקהייט געשטודירט, זיינען שוין פון יאָהרען לאַנג געקומען צו דיא איבערצייגונג, דאָס איבערהויפּט לונגען־שווינדזוכט איז א קראנקהייט. אויסער דעם וואָס מען קען עס פערהיטען, אין מעהרערע פעלע קען מען עס אין גאנצען אויסהיילען. עס איז דארום אין דיא מאכט פון דיא מענשען וועלכע לעבען אין א ציוויליזירטע לאנד, אזוי וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען, וואו עס איז פערשפּרייט ענטוויקלונג, רייכטהום, פאָרטשריט און פילאנטראָפּיע, צו בע־קעמפּפען מיט ערפאָלג דיא טובערקולאָזיס אלס א קראנקהייט צווישען דאָס פאָלק.

אלעס וואָס עס איז נויטיג צו ערררייכען דיזען ציעל, איז דיא פעראייניגטע טהעטיגקייט פון אַ פערנינפטיגע רעגיערונג, גוט אונטעררינכטעטע ערצטע, און איין אינטעליגענטעס פאָלק.

TUBERCULOSIS
As a Disease of the Masses and How to Combat It

PRIZE ESSAY

Of the International Tuberculosis Congress Berlin 1899

by

DR. S. A. KNOPF

Translated by

DR. L. W. ZWISOHN

New York